STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01994

UNZER DOR

Chaim Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים שוואַרץ

אונזער דור

אַרויסגעגעבן פון
חיים שוואַרץ בוך־קאָמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1950

פון דעם זעלבן מחבר:

ערשטע בליטן (לידער), 1928, סעינט לואיס, מא.

דער גרויסער גערַאנגל (לידער), 1943, לאָס אַנדזשעלעס

UNZER DOR

by

CHAIM SCHWARTZ

Los Angeles, Calif.

1950

הילע געצייכנט פון מאַי זאָלאָטאַראָף

געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט ביי
עקאָנאָמי טייפּסעטינג סוירוויס,
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

איך באַדאַנק הארציק אַלע מיטגלידער פון דעם חיים שוואַרץ בוך־קאָמיטעט פאַר זייער איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט פון אַרויסגעבן מיין בוך „אונזער דור". איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו די חברים און חבר׳טעס:

ז. בונין, נ. גאַרפילד, עטל גינזבורג, פּ. טשערנער, קעי מילטאָן, שרה פעל־יעלין, פּ. פּרוטשאַנסקי, ה. קאָהן, חברים קעריש, ר. ראָזנפעלד, ש. ראָזנפעלד, רוט שוואַרץ.

איך באַדאַנק די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנדזשעלעס פאַר זייער קאָאָפּעראַציע מיטן בוך־קאָמיטעט. אַ ספּעציעלן דאַנק וויל איך אויסדריקן אונזער ליבען חבר א. אַלקין פאַר נעמען די חבר׳שע איניציאַטיווע, אַרויסווייזנדיק גרויס אינטערעס אין העלפן אָרגאַניזירן דעם בוך־קאָמיטעט.

אַ העכסט פאַרדינטן דאַנק קומט די טייערע חברים און חבר׳טעס פון דעם חיים שוואַרץ לייען־קרייז פאַר זייער אויסערגעוויינלעכער געטריישאַפט די גאַנצע צייט, וואָס די אַרבעט אַרום בוך איז אָנגעגאַנגען.

חיים שוואַרץ

מיין לאַנד

כ׳בין ניט קיין גאַסט

כ׳בין ניט קיין גאַסט קיין פרעמדער, אומגעריכטער
אָט דאָ, אויף גאַסן ברייטע צווישן אייך;
קיין ציטווייליקער אורח, נאָר אַ דיכטער,
וואָס זינגט מיט אַנדערע צוגלייך.

ווייל וואָגיק איז מיין טראָט, ווי אייערער, באַלאָדן
מיט זאָרגן און מיט לאַסטן אַלערליי;
און לאַנגזאַם שפּראָצט מיין מי אויף אינם באָדן
וואָס איך צעאַקער און פאַרזיי.

זאָל זיין, אַז איך בין בלויז אַן איינציק בלעטל
וואָס וועט אַמאָל אַ פאַל טאָן פונם בוים, —
נאָר ווען עס גרינט און ווינטעלעך אים גלעטן
אַ זומער־לאַנג עס שאָטנט און עס טרוימט.

און בענטשן — בענטש איך דאָך דעם באָדן,
וואָס שוין אַזוי פיל יאָרן איך באַטרעט;
און ס׳בליט מיין גלויבן, ווי אַ זומער־בלום, געראָטן
און ס׳וועט מיין האַרץ ניט אָפּשטיין אין געוועט . . .

ווייל אמת איז מיט שקר היינט פאַרקלאַמערט
אין שווערן היים־צעוויכערטן פאַרמעסט;
און וואויל איז יעדן דרייסטן ניט־פאַרזאַמער,
וואָס הויבט זיין קול אויף קעגן רשעות־פעסט.

אַ חשבון מאַך איך ביי דעם שפּעטן אָוונט־פייער,
כ׳פיר אונטער אַ סך־הכל פונם טאָג;
און גוט איז ווען איך ווייס: אויך איך צושטייער
געגעבן האָב פון דעם, וואָס איך פאַרמאָג.

און אויב איך בין אַן איינציק זאַנג אויף פעלדער, —
זאָל זיין מיין חלק אינם לאַבן ברויט;
און זאָל באַשערט מיר זיין ביז טיפער עלטער
צו זיין אַ פאָדעם כאָטש אין לויכטנדיקן קנויט.

און אויב איך בין אַ זעמדל בלויז אויף ברעגן, —
פאַרצאַמען מיר אינאיינעם דאָך דעם ים;
און אויב איך בין אַ טראָפן פון אַ רעגן, —
דאָך לעשן מיר צוזאַמען יעדן בייזן פלאַם.

און ווען די צייט דעם פונק אין מיר אַמאָל פאַרקילן
און אומגעריכט וועט אויפהערן מיין גאַנג, —
איך וויים: באַמיט האָב איך זיך ערנהאַפט דערפילן
מיין גרויסן חוב צום פאָלק אין מיין געזאַנג.

געבענטשט זאָל זיין דער פרוכטבאַר־רייכער זאָמען,
וואָס האָט אַ וועלט געשענקט מיר און אַ דור;
איך וואַרף אַרויף אַ גלויביקער מיין נאָמען
אויף וואָגשאָלן פון פרילינגדיקער וואָר!

מײַן לאַנד

איך וואָלט מיט דיר אַזוי געקאָנט שטאָלצירן,
אָ, לאַנד פון הימל־קראַצערס און טונעלן, —
ווען ס'וואָלטן גרויל־אַטאָמען ניט באַצירן
דײַן זשעדנע ברוסט, ווי שנירעלעך קאַרעלן.

איך וואָלט מיט שטאָלץ אַ ליוב דיר אויסגעזונגען
אין אויסגעבענקטע יום־טובֿ'דיקע לידער, —
ווען דו וואָלסט אָרעם דײַנעם ניט געשוואונגען
מיט אומקום־דראָאונג איבער מײַנע ברידער.

ווי זאָל איך זיך געטרויען אין די הענט דיר,
אַז, ווי אַן אַקראָבאַט, דו שפּילסט מיט פײַער;
און שפּילצײַג — מײַנסטו — זײַנען פאַר דיר לענדער
און פעלקס־חלומות — קונץ־שטיק פונם בלײַער.

דו ווילסט זיי שטעלן אויף די קני פאַר יעדן ברעקל
און אײַנקנעלן, ווי מיט געהאָרכזאַמע שילוחים;
דו קלינגסט פאַר זיי דײַן דאָלערדיקן גלעקל
און ברומסט דערבײַ מיט חוצפּה דײַנע שפּרוכן . . .

דײַן שפע וואָלט געווען אַ דורותדיקע ברכה
פאַר נויט־באַיאָכטע דאָ און איבער ים'ען, —
נאָר דײַנע פירער הײַנט די מעסער פאָכען,
דעם וועג צו שלום בײַזוויליק פאַרצאַמען.

ווי אויפגעשײַנט וואָלט פרייד אין מײַנע בליקן,
ווען ווערטער אַנדערע פון דיר דערהער איך:
אַז פונם וועג, וואָס פירט צו בלוט און קריגן,
פאַרנעמסטו זיך אויף שלום'דיקן דרך.

איך וואָלט אַ גלויביקער געבענטשט אויפסניי דיך
מיט פעלקער אַלע דאָ, וואָס דיך באַוואוינען, —
ווען דו וואָלסט זיך מיט גאוה ניט געשליידערט
און איבער אַלץ פאַרמאָסטן זיך צו קרוינען.

איך בין זיך מודה, לאַנד מיינס, אין פאַרברעכן,
אויב שלום־דורשט איז קעגן די געזעצן, —
ווייל ס׳האָט מיין האַרץ נאָך אַלעם ניט באַרעכנט:
ווי קאָן מען קעגן פריינט, ווי שדים, זיך צעהעצן...

און ווייל, מיין לאַנד, דו ביסט באַליבט אַזוי מיר, —
וועל איך זיך פאַר דיין העלן מאָרגן שלאָגן;
און זאָל מיין ליד — ווי אויף דער וואַך אַ שומר —
ניט אויפגעבן ביז אָנהויבן וועט טאָגן . . .

1949

די טויב פון שלום

(אין פּאַריז הענגען ריזיקע פּלאַקאַטן מיט
אַ צייכענונג פונם מאָלער פּיקאַסאָ, „די
טויב פון שלום"

פון די צייטונגען.)

זי האָט דעם ים אַדורכגעקרייצט אין וועג
באַגלייט פון פעלקערס ברכות'דיקע גרוסן;
זי האָט געבראַכט דעם ליכטיקסטן געפּעק
פאַר'חתמ'עט מיט די מוטערלעכסטע קושן.

און אוצר טראָגט איר לויכטנדיקער בליק,
אין ווינטן זינגען שירה אירע פליגל;
עס האָט אַ וועלט זי לעבצנדיק געשיקט,
מיט שלום־רוף איר האַרץ אַרומגעזיגלט.

זי טראָגט דעם צער פון דורות אין פאַרלענד,
דעם רויש פון נאָך־ניט־איינגעשטילטן מבול:
זי ווייסט, וואָס ס'איז אַ כאַטקעלע וואָס ברענט,
זי ווייסט, וואָס ס'איז אַ לעצטער גסיסה־צאַפּל . . .

אַזויפיל פּיין פון טויבן־אויגן קוואַלט,
מיט אַש באַפלעקט איז נאָך איר מינדסטער פעדער:
זי קומט פון דאָרט, וואו יעדער גרינער וואַלד
געפלאַמט האָט פון די בלוט־צעפלייצטע בעדער.

זי פלאַטערט דאָ איצט איבער גאַפנדיקע קעפּ
און טראָגט אין צאַרטן טויבן־מויל איר צווייגל;
זי וואָלט געלייגט אים אויף די בענקענדיקע טרעפּ, —
נאָר וואו זי קערט זיך — לויערן דאָ שטייגן.

אָט שוועבט זי נידעריק, די שלום־טויב,
און רירט באַלד אָן די אומרואיקע דעכער;
אָט קוקט זי מילד אַריין שוין אין אַ שויב, —
נאָר בייזע פויסטן טרייבן זי אַלץ העכער.

זי איז צו אונז דערפלויגן אַזוי נאָענט,
ווי בעכער וויין — די טרייסט אין אויגן אירע;
נאָר עמיצן איר ליכטיקייט דערצאָרנט —
פֿאַרהאַקט ער פֿרעך אין פּנים איר די טירן.

אָט שוועבט זי ביי די צווייגן, ביי דעם גראָז,
אָט שלייכט זי צווישן טורעמדיקע זיילן, —
נאָר ס׳שניידן צינגער, ווי געפּלאַצטע גלאָז,
און ס׳פֿליען העק־דרייד, ווי גע׳סמ׳טע פֿיילן.

אָט איז זי בלויז אַ פּינטעלע אין רוים
און ס׳דאַכט זיך: ס׳ווערט איר צווייגעלע פֿאַרפֿאַלן...
ווער מען אַ לאַנד אַ שלעפּ טאָן פֿאַרן צוים
און ווידער קברים גרויזאַמע צעפֿראַלן?

אַזויפֿיל שוואַרצע קראָען קראַקען ווילד
און ס׳דראָען מיט פֿאַרצוקן די פֿאַרניכטער...
איז לאָמיר איצט צעוויגן אַזאַ פֿויסטן־וואַלד,
אַז ס׳זאָל צעגיין דער נעפּל דער געדיכטער!

מיר שטרעקן אויס די הענט צום הימל־בלוי
מיט ברכות, מיר — די גלוביקע אין פֿרידן:
פֿאַרשווינד ניט, אויסגעבענקטע שלום־טויב,
מיר וועלן דיך פֿון לויער־קראָ פֿאַרהיטן.

מיר וועלן טירן געבן אַ צעפֿראַל
פֿאַר דיר, מיט זון אויף דיינע פֿליגל,
און זיי פֿאַר אונז אַ זון־צעהעלטער שטראַל, —
אַ טרייסט דעם זקן און דעם קינד אין וויגל.

1949

דער צירק איז אויפגעשטעלט

(צום משפט איבער די צוועלף פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי)

דער צירק איז אויפגעשטעלט און זיינע טירן —
זיי זיינען ברייט צעעפנט פאַר דער וועלט;
און דאָ וועט דער פּאַיאַץ די הענט צעפירן
אין טויזנט מאַסקעס טונקעלע פאַרשטעלט . . .

ער איז שוין לאַנג אין אַלערליי געשפּילן
מיט „אייזלען" און מיט „העלפאַנטן" געאיבט;
און אויך אין „הינט", וואָס „דינען" און וואָס בילן
איז ער מיט האַרץ מיט פּריצ'ישער פאַרליבט.

אין נעפּל אינם ברוינעם און געדיכטן
עס דרייט זיך אַקראָבאַטיש דער פּאַיאַץ, —
נאָר זע: עס שטומט דאָס פאָלק אַן אומבאַרירטער
און טאַנצט ניט צו דעם פּויקן פונם טאַץ.

און מעגן הינט פאַרגיין זיך הויך אין בילן
און וואָיען אימה'דיק עס זאָלן וועלף, —
ס'וועט פאָרט זיך רעגנבויגנדיק צעשפּילן
דאָס וואָרט־ליכט פון די אָנזאָגער — די צ ו ו ע ל ף!

דאָס זיינען זיי די ערנהאַפטע ריכטער
און ס'גאַנצע פאָלק צום משפּט איז געשטעלט,
דעם אורטייל וועט אַ שאַל טאָן די געשיכטע
מיט מזרח־גלאַנץ מיט לויטערן באַהעלט.

ווייל ס'פּרילינגט אויף דער וועלט דאָס ליכט פון לענין,
און ס'זוניקט גבורה'דיק דאָס וואָרט פון מאַרקס;
עס וועלן אים קיין שייטערס ניט פאַרברענען —
דעם אמת, וואָס אין הערצער זיך צעוואַקסט!

1949

צו די מלחמה-צינדער

„מיר פאָדערן דעם אומבאַדינגטן פאַרבאָט
פון אַטאָמישע וואפנס . . . מיר האַלטן,
אַז די רעגירונג, וואָס וועט די ערשטע באַ־
נוצן זיך מיט אַטאָמיש געווער קעגן וועלכן
עס איז אַנדער לאַנד, וועט באַגיין אַ פאַר־
ברעכן קעגן דער מענטשהייט און זאָל באַ־
טראַכט ווערן ווי אַ קריגס-פאַרברעכער.“
פון דעם שטאָקהאָלמער פרידנס־רוף.

און אויב אין דיין יאָגן־זיך גיריק נאָך רויב
וועסט אַ צינד־טאָן דעם פלאַם פון אַטאָמישן שטויב, —
וועלן דורות, וואָס קומען, דיין נאָמען פאַרשילטן,
אויב ס'וועלן נאָר קללות
אויף דעמאָלט נאָך גילטן . . .

און אויב פון מיין שטיבל מיין זון וועסט אַ ריס־טאָן
און פרידלעכע היימען אים שיקן פאַרוויסטן;
און אויב וועסט אַ וואָרף טאָן דעם זון פון מיין שכן
צו שעכטן אַ פריינט
און צו ווערן געשאָכטן, —

דיין נאָמען אויף אייביק פאַרשאָלטן וועט ווערן,
דיין שטויב פון דער ערד וועלן ווינטן פאַרקערן!

און אויב דיינע רויב־פייגל וועלן פאַרשטעלן
מיט פליגל מיט שוואַרצע די זון איבער שוועלן;
און ווייט פון דיין לאַנד — אין איין קינדערשער וויג —
וועסטו אויסלעשן פלוצלונג
אַן עופה'לעס גליק;

און אויב אירע הענט וועט אַ מאַמע פאַרברעכן,
ווייל דו וועסט די פרייד פון איר לעבן פאַרשוועכן;
אַ טאַטע וועט לויפן נאָך קינדער אין פלאַמען
און וועט שוין פאַרבלייבן
מיט זיי דאָרט צוזאַמען, —

די קללה פון לענדער דיין טראַט וועט פאַרלויפן
און טרעפן אין שטעט דיך, אויף גאַסן און הויפן!

און אויב צוליב דיר וועלן רויבן זיך קנוילן
און איינהילן אַלץ אין אַ שלייער פון גרוילן
און דאָרטן, וואו ערשט האָט געאָטעמט אַ שטעטל,
פאַרבלייבן וועט גאָרנישט:
קיין בוים און קיין בלעטל;

און דאָרט, וואו עס האָבן געבויגן זיך זאַנגען,
פאַר שניטער שוין רייף און פאַר העלע געזאַנגען, —
ניט בלייבן קיין זאַנג וועט, קיין שניטער, קיין בלימל
צו גריסן די פייגל,
צו גריסן דעם הימל, —

וועלן דורות וואָס קומען דיין נאָמען פאַרשילטן,
אויב ס'וועלן נאָר קללות אויף דעמאָלט נאָך גילטן;

און אויב ס'וועט דער פונק, וואָס דיין רויב־לוסט
וועט וואַרפן,
דערגרייכן מיין שטיבל און וועט עס פאַר'שרפה'ן,
(ווייל ס'וועט דער אַטלאַנטיק און ברייטער פאַסיפיק
ניט זיין מער, ווי תמיד,
אַ שוצפולער זיווג);

און אויפגיין אין רויך וועט די מי און די שפע
און אַלץ, וואָס דער פלאַם אין זיין צוג וועט נאָר טרעפן;
און וועט אונז צעמאָלן מיט קינדער אינאיינעם,
וואָס קאָנען נאָך קוים מיטן שכל
פאַרשטיין אים;

און אויב ס'וועלן מער שוין קיין קללות ניט גילטן, —
וועט הימל און ערד דיך אויף אייביק פאַרשילטן!

יוני, 1950

מיין נעגער-ברודער

ווי דינע ריטשקעס צווישן בערג האַרבאַטע,
דאָ האָבן לעבנס אונזערע געפלאָסן:
אַ יעדער קער מיט ג י י ן אַרומגעגראַטעט
און ברייטע טירן — חוצפה'דיק געשלאָסן . . .

מען האָט געשעפּט אָפּט מיט פאַרשטויבטע עמער
פון הייסע שטראָמען אונזערע אין טאָלן,
און — ווי פון שטילע אָפּגענאַרטע לעמער —
געשאָרן טרוימען אונזערע, ווי וואָלן . . .

ס'האָט מיין יוגנט דער שוויק־שאַפ אויסגעמעלקט דאָ
און דיינע — האָסט אין לאַנד־וועגן פאַרקנאָטן,
ווי מאָנומענטן שטייען אויפגעדעקטע
די צייכנס, וואו מיר האָבן נאָר געטראָטן.

זאָל זיין, אַז אַנדערש זיינען די קאָלירן,
וואָס שפּילן פריי אונז אין די הויטן,
נאָר וויטיקן די זעלבע מיר דערשפּירן,
ווען ס'טוט אַ שפּריץ דאָס בלוט פון אונז דאָס רויטע . . .

מען האָט געלאָדן דריקנדיקע יאָכן
אויף ביידנס מידע רוקנס, ווי אויף שאָלן, —
נאָר פרישער מוט האָט תמיד דורכגעבראָכן
און טרויער־שטיין אויף זעמדעלעך צעמאָלן.

איצט ביסטו מיר אַ שותף אַ באַגלויבטער
אין באַרג־אַרויף צו שלום'דיקע צילן,
און כאָטש מיט צער די טריט זיינען פאַרשטויבטע, —
דערטראָגן זיגרייך וועט זיי אונזער ו י ל ן . . .

אַזוי לאַנג...

גזעווידמעט די צען אַרעסטירטע קינסטלער פון האָליוואוד

אַזוי לאַנג — הינטער טורמישן שלאָס
איז דער טראָט פון מיין חבר אין קלאַמער, —
איז, ווי גאַל, דער געטראַנק אין מיין כוס,
איז אַ קאַרצער מיין אייגענער קאַמער.

אַזוי לאַנג — הינטער אייזערנער וואַנט
וועלן שאָטנס מיין חבר פאַרשליסן, —
איז מיין אייגענע רו מיר אַ שאַנד
און אַ שטיין איז צוקאָפּנס מיין קישן.

און מיט אים — אינם קאַרצער פאַרשמידט —
איז די שיין אויך פון מ י י נ ע פאַרטאָגן,
און אַ קייט הענגט מיר נאָך אויף די טריט,
ווען איך שפּאַן, דאַכט זיך, פריי איבער ראָגן . . .

נאָר, ווי ס'ברעכט יעדן צאַם אין זיין גאַנג
דער צעפרילינגטער ווינט איבער פעלדער, —
ברעכט דער אמת — מיין חבר'ס געשאַנק —
יעדן צאַם און גייט אויף אַ צעהעלטער.

און דערגרייכן וועט ער ביזן שלאָס
און צעברעקלענדיק געבן אַ בראָך אים,
וועט מיט פרייד זיך צעשפּרודלען מיין כוס
און מיין טאָג — מיטן ליכט פון נצחון!

יולי, 1950.

אַ טיפּ אַזאַ

ער זיצט, ווי צוגעשמידט צום טיש־עק
און גיסט אין זיך די שוואַרצע קאַווע;
עס שפּריצן רייד פון אים, ווי פּריסעק,
און ווערטער — יאָרן־לאַנגער זשאַווער . . .

אין אויגן — מייזעלעך צעדולטע,
וואָס ווילן דורכשפּיזלען די הויט דיר;
ער פילט: זיין וועלטל איז אַ מולטער,
וואָס וויגט אין שטורעם זיך און שווידערט.

פון אַלע שליאַכן נאָר אין בלאָטע
פאַרבלעגדט מיט האַק־און־פּאַק פאַרקריכט ער;
און שטאַרק און ווילד הנאה האָט ער,
אויב ס'איז דער נעפּל־שטויב געדיכטער.

ס'איז קלענער פון אַ גענעץ זיין זכרון
און פריינטשאַפט אמת'ע פאַרגעסט ער:
גע'ניצול'ט איז דאָך ערשט געוואָרן
דורך האַנט פאָוועטישער זיין שוועסטער . . .

און פאַר דער וועלט האָט קול גראַמיקאָ'ס
צעדונערט שטאָלץ ישראל'ס רעכטן;
זיין וואָרט געצאַמט האָט בייזע קליקעס,
וואָס לערנען קיינמאָל פונם נעכטן . . .

נאָר ער — ער זיצט ביים טיש און דרשנ'ט
פון רייד פון אייגענע צעהיצט . . .
און ערגעץ גייט אַ וועלט אין מאַרשן
און ווערטער אַנדערע פאַרקריצט . . .

אַ שלום פון פעלקער

— וואָס מאַכסטו, מיין פריינט, און ווי גייט עס דיר, יאַנקל? —
איך פרעג אים און ס'קומט אין מיר פאַר אַ גערעַנגל:

צי האָט ער באַנומען דעם גאַנג פון די צייטן,
דאָס לעבן, וואָס ברעכט זיך אין אַלערליי זייטן . . .

איך זוך אין די קנייטשן פון בלאַסלעכן פּנים
אַ צייכן: מיט אונז, צי מיט אונזערע שונאים?

און שווער איז געוועזן מיינע אויערן הערן —
אַ פריינט זאָל מיט פיינטס באַיאָנעטן זיך שווערן . . .

אָ, יאַנקל, מיט דאַרע צעשטאָכענע פינגער
פון נאָדלען, וואָס האָבן, ווי גיפטיקע צינגער,

געזויגן דעם זאַפט פון דיין האַרץ, דיינע ביינער,
דיין לעבן צעפרעסן מיט גיריקע ציינער . . .

אָ, יאַנקל מיין פריינט, וואָס אין פרעמדע גאַרניטער
האָסט צענדליקע יאָרן פאַרנייט און צעשפּליטערט,

נאָר קיינמאָל קיין זיכערע רו ניט געפונען
און דיין איטלעכער טרוים איז מיט ווינטן אַנטרונען . . .

איך זאָג: אויב באַפאַלן וועט קומען אַ שונא
די היימישע שטעט און די היימישע פּלוינען, —

פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן מיין צונג, וואָס וועט פֿרעגן
און צווייפֿלען: צי לויפֿן מיין היימלאַנד אַנטקעגן,

צי זאָל איך די וואונדן די בלוטיקע היילן,
צי זאָל איך מיט היימלאַנד מיין לעבן צעטיילן.

נאָר ווען סטו אין גרוילן פֿון רויבערשע שלאַכטן
פֿאַרמישן דיין גורל, דיין אָרעם־פֿאַרשמאַכטן?

צי קאָנסטו אין נעצן פֿון בלוטיקן פֿלינדער
זיך שענקען אַ קרבן די וועלט־אונטערצינדער?

איז עפֿן די אויגן און טרייסל פֿאַנאַנדער
דעם באַרג פֿון פֿאַרלוימדונג, די נעצן פֿון שאַנדע;

און שריי אויס דיין ווייטיק צו די, וואָס צעפּאַכען
מיט גייציקע פֿינגער אויף קריג זייער ברכה!

און שאַל דורך פֿאַרשטשעמעטע ציין אויס דיין קללה
צו די, וואָס פֿאַשוועכן דעם פֿעלקערשן שלום!

זאָל פֿרידלעכע רו איבער שוועלן פֿון כאַטעס
באַגריסן די פּראַצע פֿון זין און פֿון טאַטעס;

און זאָלן אויף דעכער די פֿרידלעכע פֿאָנען
זיך הויבן צום זוניקען רוים און דערמאָנען

צום שפּאָט די, וואָס ווילן דעם פֿרילינג פֿאַרקנעכטן,
אַ קער טאָן דעם היינט צום פֿאַרשאָלטענעם נעכטן . . .

דער באַראַבאַן פֿון האַס

שוין ווידער פּויקט דער באַראַבאַן פֿון האַס
און וואו אַ שלאַנג — איר קאָפּ הויבט אָן פֿאַררייסן;
און וואו אַ וואָלף — ער גרייט זיך טאָן אַ נאַש
און מיט דעם קרבנ'ס ביינער צו פֿאַרבייסן.

צי האָט אַ וועלט געבלוטיקט בלויז דערפֿאַר
און בלויז דערפֿאַר אין פֿלאַמען־קנויל געפֿלאַטערט, —
מיר זאָלן קריינען ערגעץ־וואו אַ קעניג, צי אַ האַר,
אויף טראָנען — פֿון ברוינער פֿלאָג צעיאַטערט?

צי האָבן פֿעלקער זיך דערפֿאַר געדריקט די הענט
און אין געראַנגל צוגעשטעלט אַן אַקסל צו אַן אַקסל, —
עס זאָל דער סם, וואָס האָט אונז אַלע שיער פֿאַרלענדט,
אין הערצער ווידער זיך, ווי קראָפּיווע צעוואַקסן?

צי האָט מיין פֿאָלק אַ דריט־חלק פֿון גוף
אויף בייזע מילשטייענער פֿון קריג צעמאָלן, —
צו הערן ווידער דעם פֿאַרדאַמטן רוף:
צו אָנפֿילן מיט טרערן אַלע טאָלן?

די פֿאָן, וואָס האָט צו וואונדער־טאַט באַזעלט
די געטאָס וואַרשעווער, די גאַסן סטאַלינגראַדער, —
האָט בלויז דערפֿאַר באַשיצט דעם יושר פֿון דער וועלט,
אַליין צו ליגן אַ געשמידטע הינטער גראַטעס?

שוין ווידער פּויקט די פּויק פֿון פֿעלקער־רויב
און וואו אַ שלאַנג — זי שיפּעט שוין פֿאַרטייעט . . .
נאָר ס'וועט פֿאַרשטומט ניט ווערן און פֿאַרטויבט
דאָס קול פֿון פֿאָלק פֿאַר פֿרידן און פֿאַר פֿרייהייט.

אַפּריל, 1947.

דער העלד און זיין סוד

אויסגעלאָשן איז דאָס לעמפּל
אינם שלאָפּצימער דעם ענגן;
שלייכט אַריין די נאַכט פון דרויסן,
איבער אַלע ווענט בלייבט הענגען.

מיט די שווייגנדיקע שאָטנס
דעם מאַטראַס, דעם העלד, זי וויקלט;
און זיין פרוי, וואָס רוט דערנעבן,
און די קינדערלעך אין וויגל.

שטיל, ווי זומער־שמעטערלינגען,
שוועבט אין טונקל זייער אָטעם;
דורך אַ שפּעלטל די לבנה
שיקט איין־איינציק זילבער־פאָדעם . . .

נאָר צו איינעמ׳ס מידע ברעמען
וואַגט דער שלאָף ניט צוצוטרעטן, —
ווי אַן אומגעוואונטשטער אורח,
וואָס צום טיש איז ניט פאַרבעטן.

אין דער שפּעטער, שטילער נאַכט־שעה
איז די פינצטערניש אַ שפּיגל, —
און עס פליט דער טאָג פאַרביי אים,
ווי אויף אומרואיקע פליגל:

יעדע שעה גייט דורך מיט ציטער
און באַשווייסט מיט קאַלטן גרויל אים;
און עס מורמלען זיינע ליפּן, —
ניט פאַרראַטן זאָל די קויל אים,

וואָס ער טראָגט אין האַרץ־געוועבן,
ווי אַ ז כ ר פון די שלאַכטן
אויפן אינדזל אָ ק י נ אַ ו ו אַ
אין צעצונדערענע פאַרנאַכטן . . .

ס׳האָט די קויל זיין האַרץ צעלעכערט
און אַ נעסט דאָרט אויסגעבוירערט,
און פון דאָרטן, ווי אַ שונא,
אויף זיין לעבן לויערט, לויערט . . .

ס׳קריכן וואָכן און חדשים,
טעג צעבייטן זיך, ווי קליינגעלט;
און מיט טויט געדראָט ניט איינמאָל
האָט כירורגישע אָפּצוועגגל.

און די פינגער די געניטסטע
האָט דעם שונא׳ס קויל געוואָרנט:
וועט מען זי פון אָרט אַ ריר טאָן, —
וועט נאָך אויפפלאַצן איר צאָרן:

וועט אַ היים אַ חורבה ווערן,
קינדערלעך — יתומים . . .
קאָן ער מער שוין ניט דעם פּחד
אין די אויגן זיינע צוימען.

טראָגט ער אום זיין סוד פאַרשלאָסן,
ווי אַ מערדער אונטער שלעסער;
און די מורא פלאָטערט, פאָכעט,
אין דער נאַכט, ווי מיט אַ מעסער.

יעדן טאָג צו די מאַשינען
קומט ער ווייטיק זיינעם טיילן,
און דעם רויש פון די מאָטאָרן
שטיל פאַרטרויען און דערציילן:

פון דער שלאַכט אין אָ ק י נ אַ ו ו אַ
איבער גריבער און קאַנאַלן . . .
פון דעם שונא׳ס קויל, וואָס דרעמלט
אונטער זיינע קריגס־מעדאַלן . . .

ס'טועט אים אַ ברי די זאָרגן,
וואַרפֿן זשאַר אויף זיין געהירן:
ווען מען נאָר זיין סוד דערגיין דאָ —
וועט ער באַלד זיין ברויט פֿאַרלירן;

און די נויט וועט אים באַגלייטן
דורך פֿאַרהונגערטע מעת־לעת'ן,
און די קינדער וועלן רופֿן,
ווי די פֿייגל פֿון די נעסטן.

* * *

אויסגעלאָשן איז דאָס לעמפּל
אינעם צימערל דעם ענגן . . .
אין אַ ווינקל אין אַ טעמפּן
זיינע אויגן בלייבן הענגען.

און זיי בעטן זיך אַן ענטפֿער
ביי די שווייגנדיקע שאָטנס:
אויף זיין אומרו, וואָס צעיאָגט זיך,
ווי אַ בייזער ווינט אין דראָטן . . .

אפֿשר בליט שוין אויפֿן שלאַכטפֿעלד
צווייט פֿון זיכערקייט און פֿרידן, —
נאָר די שוועלן פֿון זיין דירה
האָבן ביידע אויסגעמיטן . . .

שרעק און ליבע אין זיין האַרצן
טאָגן, נעכטיקן, ווי שכנים:
ווילט זיך איינעם טאָן אַ שמייכל, —
גלוסט דעם צווייטן זיך צעוויינען . . .

* * *

וואָלט ער נאָר די קויל פֿון האַרצן
קאָנען אויסרייסן מיט צוואַנגען, —
וואָלט ער זוכן גיין דעם שלום,
וואָס איז אים פֿאַרביי־געגאַנגען . . .

דאָן

דאָן — דורך אַלע יונגע יאָרן —
איז געווען אַ וואוילער בחור:
מילד, געלאַסן, ניט קיין לויפער, —
פאַר אַ מאַמען נאָר אַ ברכה.

מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן,
מיט אַ לידל אין די בלוטן,
ניט געטאָן קיין שלעכטס צו קיינעם,
אַלעם אויסגעטייטשט צום גוטן . . .

דריי יאָר הויך־שול דורכגעגאַנגען
און געמוזט אין יאָך זיך שפּאַנען,
אויסגעפּרופּט אַ יעדע אַרבעט
וואָס אין שטאָט איז נאָר פאַראַנען.

דאָ אַ מעקלער, דאָ אַ „וועלדער",
דאָ אַ טרייבער, אַ פּאַרקויפער, —
נאָר אַ שטילער און אַ וואוילער,
ניט קיין שטופּער, ניט קיין לויפער.

קומט דער קריג און טוט אַ כאַפּ אים
ווי מיט שטאָל־געשמידטע צוואַנגען,
אָנגעטאָן אים אין „סאָלדאַטסקע"
און אַ ביקס אים אָנגעהאַנגען.

שווער איז אים געווען באַנעמען
מיטן שכל מיטן קלאָרן,
און דאָס האַרץ האָט שווער געגנאָגט אים, —
איז ער אומרואיק געוואָרן.

אפשר האָט ער ניט פאַרשטאַנען
דעם גערודער, דעם געפּילדער,
און האָט ניט געזען קיין סדר
אין דער שחיטה אין דער ווילדער . . .

שיקט מען אים אַוועק אויף „אַפּרו"
און מען לאָזט אים פון קיין אויג ניט,
ווייל אַזאַ איז מער ניט וויכטיק
און אין קריג אודאי טויג ניט . . .

זיצט זיך דאָן אַזוי מאָנאַטן
ביז אין קאָפּ הויבט אָן אים קלאָרן,
זעצט מען אים אַרויף אויף באַנען
און ער קומט אַהיים צופאָרן.

נעמט זיך דאָן צוריק צו אַרבעט
זיין הוצאה אויסצושלאָגן,
אַז די נויט זאָל זיין פאַמיליע
מיט קיין הונגער כאָטש ניט פּלאָגן.

ווייל ער האָט אַ זון אַ קליינעם
און אַ צווילינגל אַ זיסן, —
זאָל קיין מילך זיי כאָטש ניט פעלן
און ניט קאַרג זיין זאָל דער ביסן.

גייט זיך דאָן אַרום אַ שטילער
מיט אַ קוישל פרישע אייער
איבער הויפן, איבער שטיגן
און די טעג זיינע פאַרגייען.

קויפט מען ניט ביי אים קיין אייער
פאַלט שוין דאָן ביי זיך אַרונטער,
גייט ער זוכן נייע אַרבעט,
אָבער מער ניט אַזוי מונטער.

ער וואָלט אַלץ געטאָן וואָס מעגלעך
אָבער קאָן קיין זאַך געפינען . . .
קערט ער זיך אַהיים טאָג־טעגלעך
מיד און קראַנק פון האַס און שנאה.

אַט קומט אָן אַ נייער חודש,
דאַרף מען דירה־געלט דערלאַנגען, —
פילט זיך דאָן, ווי ער וואָלט ווערן
אין אַ שפּינעץ־נעץ געפאַנגען.

פאַלט אים פּלוצלונג אַ געדאַנק איין
און ער לאָזט זיך אויף די שטיגן
וועלכע פירן צו דעם „מייאָר"
אונטערברומענדיק אַ ניגון.

ניט מיט שעדלעכע כוונות,
אָן געשרייען און אָן גוואַלדן,
האָט קיין שטיינער ניט געטראָגן
אין די קעשענעס באַהאַלטן.

אפשר וועט ער דאָרט אַ טרייסט־וואָרט
צי אַ קלוגע עצה קריגן . . .
און עס הויבט אים אָן צו יאָגן
און זיין קאָפּ הויבט אָן זיך וויגן.

נאָר ס'איז קיינמאָל צו דעם „מייאָר"
אונדזער דאָן שוין ניט דערגאַנגען:
ס'האָט די פּאָליציי די קלוגע
אַ „פּאַרדעכטיקטן" געפאַנגען . . .

וואו איז איצטער דאָן דער מילדער,
דאָן דער שטילער און דער וואוילער?
האָט ער עמיצן דערוואָרגן,
האָט ער עמיצן געקוילעט?

ניט מיט פרוי און ניט מיט קינדער,
ניט אין אייגן היימיש ווינקל, —
ערגעץ־וואו אַהינטער גראַטעס
זיצט ער מאַכטלאָז, ווי אַ אינגל.

אַלע צייטונגען שוין שווייגן,
אָפּגעפּויקט און אָפּגעפּילדערט, —
נאָר אין ערגעץ וואַרטן קינדער
עס זאָל קומען דאָן דער מילדער.

עס פלייצט פון אַלע העצע־קראַנען

איר האָט צעעפנט אַלע העצע־קראַנען
און אויסגעפלאַנטן קריג־פּאַרזוך;
עס זידט דער סם אין מאַרשאַל־פּאַנען,
אַזש ס׳ווערגט דעם הימל דער גערוך.

איר ווילט מיט ריטשקעס גיפטיקע פון שקרים
פאַר׳סמ׳ען יענעם קוואַל דעם לויטערן אין בלוט,
וואָס האָט — להכעיס אַלע גאַז־אויוונס און קברים —
בענערט דאָס האַרץ דאָס גלויביקע מיט מוט.

איר ווילט אין לאַנד אַ יעדן פרייהייט־צייכן
פאַרמיסטיקן מיט אייער האַס־געבריל,
און אונזער האַלדז דעם מאָגערן דערגרייכן
מיט אויל־געשמידטע פּענטעס אינדערשטיל . . .

איר ווילט פון פאָלקס צעאַקערטן זכרון
אַרונטערשווענקען יענע צאַפּלדיקע טעג, —
ווען ס׳האָט אַ בראַך געטאָן דעם היטלערישן דאָרן
די הייס־צעשוואונגענע, די סטאַלינגראַדער זעג.

ווען אין דער שעה דער גורל׳דיקער פון באַשליסן
עס האָט מיין אייגן פאָלק געשטעלט זיך אויף דער שאָל —
צעשאָלט האָט ער דעם וועלטישן געוויסן
און ס׳האָט אַ חלום זיך פאַרקערפּערט אין י ש ר א ל.

און איצט — ס׳האָט קוים דאָס שלאַכטפעלד זיך באַצויגן
מיט זאַנג מיט גאָלדענעם, מיט סאַמעטענעם גרין, —
און שוין — פאַר נאָך ניט אויסגעוויינטע אויגן —
איר ווילט דעם תלין ווידער קרוינען אין בערלין.

אַ הערט, אויף אייביק האָבן סטאַלינגראַד און וואַרשע
אין אונזער האַרץ זיך אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט,
און וואָס מיר האָבן פונם קדושים־דור גע'ירש'נט, —
מיר טראָגן היינט, ווי לוחות, אויף די הענט!

* * *

איר האָט צעעפנט אַלע וויסטע קראַנען
און ס'פליסט אָן אויפהער אייער העצע־גיפט . . .
נאָר ווייסט: עס איז אַ פעלזן־ברעג פאַראַנען
און לאַנדן וועט דאָרט אונדזער פרידן־שיף.

אָקטאָבער, 1948.

אויפֿן מזבח פֿון אויל

1

עס טונקלט אין דרויסן . . . דער שטערן דער ערשטער
ווינקט קוים פֿונ׳ם הימל אַראָפּ . . .
פֿאַרוואָס קומט די רו פֿון דער נאַכט אַ פֿאַרשטערטע
און אומרואיק וויגט זיך דער קאָפּ?

עס האָבן דאָך יאָרן אין שלאַכט ערשט געפֿיבערט,
די זון האָט אין בלוט נאָכאַנאַנד זיך געוויקט, —
איז ווער האָט אויף נאַר־וואָס פֿאַרשאָטענע גריבער
מיט העצעס, ווי שפּיזן, זיך ווידער פֿאַרליינגט?

צי זיינען די ריסן שוין אַלע פֿאַרבונדן
און אויפֿגעלייזט איז שוין די נעכטיקע שרעק?
צי האָבן די קברים שוין גאָרניט קיין גרונטן,
די קעסלען פֿון טרויער — קיין דעק?

דאָס ערדישע לייב איז נאָך וואונדיק צעשניטן,
נאָך בלוטיקט דאָס לייב פֿון מיין אייגענעם פֿאָלק . . .
און זע: עס האָט איין פֿיינט אַ צווייטן פֿאַרביטן
און ווידער די רו די געגאַרטע פֿאַרפֿאָלגט.

ווי לאַנג און ווי פֿיינפֿול און רוצח׳יש צעשלאָגן
אַ פֿאָלק נאָך אַ חלום זיך יאָגן באַדאַרף:
עס זאָל אים די שרעק פֿאַרן מאָרגן ניט נאָגן
און שניידן זיין פֿלייש, ווי אַ שטאָלענער שאַרף?

אין שעה׳ען פֿון שקיעה די שאָטנס זיך מערן,
ווי טונקעלע גרופן פֿון נעכטיקן פֿלאַם, —
זיי טריפֿן נאָך אַלץ אין זכרון און נערן
מיט קוואַלן פֿון פּיין דעם פֿאַרבליבענעם שטאַם . . .

2

אויל־גניעג און גאָלד־גניעג, —
און אַ באַנדע וויסטע שלעק:
דאָ אַ שלונג און דאָ אַ צוק
און אין אַ זייט — אַ מעסער־דוק . . .

וואָס איז בלוט און פלייש און ביין,
וואָס איז שטומער קריץ פון ציין
און אַן אייגן ברויט אין מויל, —
קעגן גאָלד׳נעם טעם פון אויל?

וואָס איז גאָרטנס פולער בלי
און די פרוכט פון שוויס און מי
און אויף בוים אַ גרינער בלאַט, —
אויפן וואָגשאָל פון פאַרראַט?

אויל איז הייליק, אויל איז טייער,
אויל איז גאָלד און אויל איז פייער;
אויל איז — קוילע און דערמאָרד
פאַרן האַר און פאַר דעם לאָרד.

אויל איז „פונט" און פרעכער „דאָלער", —
ווער ס׳איז קעגן — צאָלן זאָל ער!
אַ פאַרשלונג און אַ פאַרצוק
און אין זייט — אַ מעסער־דוק . . .

3

און קוים האָט אַ שטראַל פֿון קאַיאָר זיך באַוויזן
פֿאַר אויגן פֿאַרגאַפֿטע פֿון פֿרייד,
און ס'האָבן זיך פֿעלקער געהויבן באַגריסן
דעם חלומ'ס צעהעלטן באַשייד, —

און ס'צינדן שוין ווידער אָן גייציקע פֿינגער
די אויל־פֿעטע קנויטן פֿון האַס;
און ערגעץ־וואו הויבן זיך רויכיקע רינגען
און פֿעלדער זיך שוואַרצן אין אַש.

„צעטייל און באַהערש!" — ס'איז די האַנט די געניטע
ביים רויבערשן מאָרד־שפּיל פֿון שנאה־פֿאַרזיי:
„אָט די, וואָס געשפּאַנט האָבן ביז איצט, ווי ברידער,
זאָל שנאה זיך טונקען אין הערצער ביי זיי . . ."

און טראָגט אַ געשריי זיך און קייטן שווער קלינגען, —
„פֿאַפּירענעם פֿאָרהאַנג" אויף לענדער פֿאַרצי:
און זאָל ער, ווי נעפּלען ווי דיקע, פֿאַרשלינגען
דעם אומרעכט, וואָס בראָדזשעט אין בלוט ביז די קני . . .

„אַ חלק פֿאַר דעם און אַ חלק פֿאַר יענעם . . .", —
און ס'רינט שוין די פּיין פֿונעם חלפֿ'שן שניט,
ווי ס'וואָלט אונזער ערד אינעם נעכטיקן גיהנום
גענוג ניט געטונקט אינעם בלוט אירע טריט.

די ערד פֿון אַמאָל — אַזאַ סופֿ'לאָזע־גרויסע —
ווי קליין און פֿאַר'יתומ'ט זי שלייכט אויף איר וועג:
אָט וועלן זיך, דאַכט זיך, אַטאָמען צערוישן
און אויסלעשן ס'צאַנקענדע ליכט פֿון די טעג . . .

4

עס טראָגט אונזער ערד זיך דורך הימלשע ספערן
באַלאָדן מיט וויי־לאַסט, ווי האַרבסט־טעג מיט פּיין;
עס קלאַפּט שוין פון לאַנג אונזער פרייד אין די טירן, —
נאָר עמעצער לאָזט ניט דעם פרילינג אַריין . . .

די זון וואָלט מיט דורשטיקע ליפּן אַ פאַל טאָן
צום ערדישן נאַכט־אויסגעצערטן געזיכט, —
ווער וויל־זשע די נאַכט־שעה אויף אייביק פאַרהאַלטן,
פאַרצאַמען מיט כמאַרעס קאַיאָריקע ליכט?

עס וויל ניט די ערד מער דעם בייזן צעשפּליטער,
אין גרויזאַמען שפּיל הילכט איר מענטשן־געוויין;
עס בענקען נאָך גאַנצקייט די איינצעלנע גלידער
און שאַלן אין פנים אין רויבערשן: — ניין!

און שאַלן אַרויף ביז די גאָלדענע טראָנען
געפּאַנצערטע דיק מיט אַטאָמישן שפּאָט:
אָ, וועלט, קום דיין חשבון דיין צייטיקן מאָנען
מיט איינהייט פאַרשמידט אין דיין פעלקערשן טראָט!

יוני, 1948

אַ באַלאַדע וועגן דריי טייכן

„אַלע טייכן פֿאַלן אַריין אין ים
און דער ים ווערט ניט פֿול.“
(פֿון פֿאָלקס מויל)

1

עס האָבן געזונגען פּאָעטן אודאי
פֿון קעניגן, פּרינצן און ריטערלייט סתּם;
נאָר איך וועל היינט זינגען אַ נייע באַלאַדע
פֿון טייכן, וואָס פֿאַלן אַריין אינעם ים.

אין גיכן געיעג פֿאַרביי פֿעלזיקע ברעגן
עס פֿליסן זיך טייכן פֿיל־כוואַליקע דריי;
זיי האָבן אָנצאָליקע דורות באַגעגנט
וואָס זיינען, ווי פֿייגל, געפֿלויגן פֿאַרביי.

עס זינגען די טייכן פֿאַרשידענע לידער
און אַנדערש דער עכאָ פֿון יעדן קלינגט אָפּ;
נאָר ערגעץ זיך טרעפֿן די טייכן, ווי ברידער,
און ריידן זיך אַלץ פֿונעם האַרצן אַראָפּ.

פֿון אייביקע יאָרן די וואַסערן פֿאַלן
אין ברייטן, צעוואָרפֿענעם, שטורמישן ים;
און, ווי דער אָנברעגיקער הימל פֿאַר שוואַלבן,
אַזוי איז דער תּהום פֿאַר די טייכן — געראַם.

פֿאַראַן איז אַן אָרט אויף די ים'יקע דילן
צו וועלכן עס ווייסן נאָר טייכן דעם שפּור.
און צופֿעליק טרעפֿן זיך דאָרטן ביים שפּילן:
דער האָדסאָן, דער ירדן און וויטער אַמור.

זיי ברענגען זיך גרוסן פון געגנטן ווייטע
און טראַפּנווייז ווערן די פּרטים דערציילט;
און ס'האַלדזן זיך כוואַליעס, ווי ברידער פֿאַרשייטע,
ווי ס'וואָלט זיי קיין סוף'לאָזער ים ניט צעטיילט.

2

דער האָדסאָן קומט אָן אַ צעבלאָזענער־ברייטער
און פּילדערט צעהיצט און צעפּויקט זיך מיט רעש;
ער שלעפּט מיט זיך פֿאָרזיכטיק נעצן פֿאַרגרייטע
אויף איטלעכער כוואַליע — אַ גאָלדענעם טאַש . . .

מען ווייסט: אויך אַ טייך ווערט אַמאָל אָנגעשוואָלן
און בלאָזט זיך מיט זאַפּט אָן אַריבערן ברעג;
נאָר דאָס טרעפֿט אין פֿרילינג, ווען שנייאיקע טאָלן
פֿון פֿראָסטיקן ווינטער־שלאָף ווערן צעוועקט.

עס שטראָמען די אַנדערע טייכן און גאַפֿן:
צו וואָס אַזאַ חוצפּה'יש־מעטאַלענער קלאַנג?
צו וואָס טויג אין תהום'ען דאָס גאָלדענע וואַפֿן
דער קרומער גערדריי און דאָס שיפֿען פֿון שלאַנג?

אָט ערשט האָט דער ים דאָך פֿאַרנומען צעלויטערט
צעכוואַליעטן האָדסאָן־רוויש, דאַכט זיך, אַז האַס, —
איז ווער האָט אים פּלוצלונג מיט שנאה צעבויטעט?
(צי איז עס אויך פֿריער געוועזן נאָר אַ שפּאַס . . ?)

עס פּילדערט דער האָדסאָן ... נאָר ס'האָט דאָך זיין רוישן
די שטראָמיקע פֿריינט פֿון אַרום ניט דערשטוינט;
זיי ווייסן: אַ טייך וועט זיין ליד אָפּט פֿאַרטוישן
כדי ווערן מיט קאַרפּן־פֿלייש זיסן באַלוינט . . .

אַז ס'הילכן ביים האָדסאָן אויך אַנדערע לידער, —
באַוואוסטע צווישן טייכן־געזינד איז שוין לאַנג;
זיי ווייסן: עס שלאָגט דאָרט פון טיפן דערנידער
אַ קרעפטיק, בטחונ'דיק, מענטשלעך געזאַנג.

און דורכבּרעכן אַלע געפּאַנצערטע צאַמען
אין איינעם אַ טאָג וועט דאָס מוטיקע ליד;
און שטוינען דער ים וועט, מיט טייכן צוזאַמען,
פון האָדסאָנס באַפרייטע, צעבּוואַליעטע טריט . . .

3

אַ ים קאָן ניט שווייגן. ס'קומט אויף אַ געדודער:
דאָס פּליעסקעט דער ירדן זיין גרוס פון דער טיף;
און ס'טאַנצן די כוואַליעס אויס — קיינמאָל באַרוטע —
געזאַנג ניי־געבּאָרענעם פון תּל־אָביב.

עס ווייסט דאָך דער ירדן אַזוינס צו דערציילן,
עס ציט זיך יאָרטויזנטער שווערע זיין ליד . . .
אויך איצט — ווען אַ פאָלק קומט פון וואַנדער זיך היילן —
האָט ווידער דער שונא די וואונדן צעבּריט.

עס האָט זיך דער לאַנגזאַמער גאַנג פונם ירדן
דורך ערדישע היילן געבּויערט זיין גאַנג;
באַפלעקט האָט אַן אויל־קוואַל זיין שפּיגל דעם צאַרטן,
אַ קוילן־געפּייף האָט פאַרטויבט זיין געזאַנג.

דאָך טרעפן אויך וואונדער אין לעבן פון טייכן:
עס אַקערט אַן אַלט פאָלק צוריק אויף זיין לאַנד;
עס וויל, ווי אַ פאָלק, זיך מיט פעלקער פאַרגלייכן
און אויסשטרעקן שטאָלץ זיי אַ פריידלעכע האַנט.

נאָר איצטער איז שווער נאָך . . . אָט זיינען סימנים:
די אויליקע פלעקן, די ריטשקעלעך בלוט . . .
עס שאַרפן די שווערדן נאָך גראַפישע שונאים
און ס'האָט נאָך ישראל קיין שעה ניט גערוט . . .

אַזוי גריסט באַשיידן דער שטילינקער ירדן
און ים'יקע טיפן פאַרנעמען די רייד;
און ס'וואַרפט זיך דער ים, ווי אַ לייב אַ פאַרשפאַרטער,
און שליידערט אויף ברעגן זיין שוים־ווייסע קייט . . .

מיט ציינער מיט ווייסע דעם ברעג ער באַפאַלט, —
נאָר זאַמדיקער שומר באַוואַכט די יבשה;
אַנטרינען די כוואַליעס, ווי קעמפער אין וואַלד,
צו היטן דעם צאָרן, וואָס ווערט ניט פאַרלאָשן.

4

נאָר רואיק בלייבט קיינמאָל צעפלאַטערטער ים
און ס'קנייטשט זיך אָן אויפהער זיין נאַקעטער פנים;
אָט בריט אים די זון מיט איר שטאָלענעם פלאַם,
אָט וויגט אים דער ווינט, ווי צעוויקלטע פאָנען . . .

נאָר אָט ווערט פאַרהאַלטן זיין רוישיקער שפאַן,
ווי ער וואָלט פון וואונדער געוואָרן פאַר'חידוש'ט:
דאָס ברענגט דער אמור אַזש פון ביראָ־בידזשאַן
צעשפרודלטע גרוסן אויף פשוטן אידיש.

ניטאָ דער גערויש פון מלחמה־קאַנאָן
אין פרידלעכן מאַרש פון אמורישע כוואַליעס,
און ס'הילכן ניט חוצפה'דיק־הויך אויבנאָן
קיין לאָרדישע שפאָרן און גראַפסקע שטיוואַלעס . . .

און ניט קיין געבייכלטער צומיש פֿון נאַפֿט
באַפֿלעקט דעם געשטאַלט פֿון אמורישע שטראָמען . . .
עס ריזלט אַ יוגנטלעך־אוראַלטע קראַפֿט
אין נאָר־וואָס פֿאַרזייטע און זאַפֿטיקע זאָמען.

עס גייט דאָרטן אויף אַ געמיטלעך געמעל
אויף יונגן אויף בירא־בידזשאַנישן באָדן;
ס'באַגריסט דאָרט אַ יעדן אַ פֿריינטלעכע שוועל
און ס'ווערן פֿאַר געסט ניט פֿאַרקייטלט די לאָדן.

און ס'הערן די אוראַלטע וועלדער אַרום
די מונטערע טריט און די פֿרייע געזאַנגען;
צעטראָגט זיך צום מענטש זייער ווידער־קול: ק ו ם,
באַפֿריי אונז פֿון אוראַלט, וואָס האַלט אונז געפֿאַנגען...!

צעברויזט זיך דער ים מיט אמורישע לידער
ביז ס'ציטערט דער העצע־געלאָדענער וואָלקן;
ווי גוט איז צו זיין מיטן דניעפּער פֿ אַ ר ב ר י ד ע ר ט
און האָבן אַ שוועסטער די ז י ג ר ײ כ ע וואָלגע . . .

און האָבן אַ שכן, וואָס שמייכלט דערנעבן
אויף ברעגן באַפֿרייטע פֿון מוטיקער יאַנגטצע;
און פֿילן: ס'נעמט אַלץ אַזוי פֿריי זיך פֿאַרוועבן,
ווי בלומען אין בונטע געפֿלאָכטענע קראַנצן.

* * *

עס האָבן פּאָעטן געזונגען אודאי
פֿון קעניגן, פּרינצן און ריטערלייט סתם;
נאָר איך האָב געזונגען אַ נייע באַלאַדע
פֿון טייכן פֿון דריי, וואָס באַגריסן דעם ים . . .

עס זעצט זיך די זון...

עס זעצט זיך די זון היינט פֿאַרשעמט אינדערוויטן,
פֿאַרכמורעטער הימל אין רויט ווערט צעבליט, —
אין טאָלן שוין יאָגן זיך שאָטנס פֿאַרשייטע
און לעקן פֿאַרדעכטיקט טאָג׳ס אייליקע טריט.

עס צינדן זיך אָנעט די ביימערשע שפּיצן,
און ס׳טובל׳ען אין פּורפּור זיך באַרגיקע קעפּ;
די זון האָט פֿון וואָלענע וואָלקנס אין הויכן
צעפּלאָכטן געקרייזלטע פֿלאַמיקע צעפּ.

עס גלוסט זיך דעם טאָג פֿון דער ערד ניט פֿאַרשווינדן,
עס ווילט זיך דער ליכטיקער זון ניט פֿאַרגיין;
און ס׳קלאַמערט דער טאָג זיך מיט שטראַליקע פֿינגער
אין ביימערשע אָרעמס, אין באַרגיקן שטיין.

עס לאָזט זיך די זון איבער בערג אין גאַלאָפּ,
נאָר גרייט איז די האַק שוין אין האַנט פֿונם תלין . . .
אין ים פֿאַלט אַריין דער זוניקער קאָפּ
און ס׳ווערט מיט זיין בלוט־שטראָם דער מערב פֿאַרכוואַליעט.

עס ברענען אין שקיעה פֿאַר׳חידוש׳טע דעכער
און ס׳פֿלאַקערט דערצאָרנט צעפֿלאַטערטער רוים;
עס טוען די שאָטנס אַ פֿלייץ פֿון די לעכער
און טוען דער שטאָט אָן אַ פֿינצטערע קרוין . . .

נאָר ס׳שטעכן די קרוין דורך, ווי שפּיזן, די שטערן,
אַ שניט, ווי אַ חלף, טוט אַ מעטעאָר;
און איידער די נאַכט וועט דעם הימל פֿאַרצערן, —
אַ בליץ טאָן אין מזרח וועט בלויער קאַיאָר . . .

מלחמה

איך לייען די נעמען...

1

איך לייען די נעמען, וואָס קומען פון יענער זייט ים'ען
צו אונזערע ברעגן, ווי ליכטיקע בשורות, צעפליען;
זיי קומען, ווי ב ל י ט ן פון טיפע פאַרוואָרצלטע שטאַמען,
אויף וועלכע דער שטורעם האָט בלוטיק דורך יאָרן געשריען.

עס וואַקסן מיר אָרעמס אויס איבער די ים'יקע מיילן
און כ'נעם זיי אַרומעט, ווי אייגענע לייבלעכע ברידער,
און כ'צערטל די וואונדן, וואָס נאַצישע גיפטיקע פיילן
געלאָזט האָבן טליען אין פיינפול־צעשיטערטע גלידער.

עס ווילט זיך זיי טרייסטן, נאָר ניט מיט קיין שפּרוך פון די ליפּן;
ווי פונקען אין שניי־פאַל, זיך לעשן די צערטלעכסטע ווערטער;
נאָר אויסקושן ווילט זיך די פיינען מיט זונען פון ליבע,
ווי זון קושט דעם טוי אויס אויף גראָזן און בלעטער פאַרקלערטע.

איך לייען... און דער ווערט מיין ברודער און יענע אַ שוועסטער
און ס'יתומדיק קינד ווערט, ווי מיינס, אַזוי אייגן און טייער;
און אַלע געהערן צום שטאַם דעם פאַרוואָרצלטן־פעסטן,
וואָס האָט אונז דורך דורות גענערט, ווי אַ זעטיקער שייער.

דער חלק פון שונא אויף אַלעמען האָט זיך פאַרמאָסטן
און ס'זיינען די קדושים געפאַלן, ווי האַרבסטיקע בלעטער,
נאָר איידער דער טרעריקער מבול דעם שטאַם האָט פאַרפלאָסן,—
האָט רויטער אַרמייער דעם מערדערשן חלק צעשמעטערט.

דער שטאַם איז פאַרבליבן און מיר, די צעשיטערטע צווייגן,
אונז אַלעמען ציט צו די וואָרצלען, די אוראַלטע־פעסטע,
און מעגן זיך קנוילן נאָך ווינטן — ווי שלענג אין די שטייגן —
ניט שיידן וועט זיך אונזער שטאַם פון די זאַפטיקע נעסטן.

2

ניט דאָס און ניט יענע איז, דאַכט זיך, מיין שטעטל
פון ערשטע חלומות ביי ברעגן בעריאָזער;
נאָר מוטערלעך־וואַרעם טוט יעדעס אַ צערטל,
ווי איך וואָלט אויך דאָרט מיינע שפּורן געלאָזן.

עס פלעגן די זומערס מיט ווינטערס זיך קליגלען:
ווי מער נאָך דעם שטעטל מתנות דערלאַנגען;
פלעגט שטעטל אַ האַלבּ־יאָר אין שנייען זיך וויקלען
און ס'אַנדערע האַלבּע זיך פּוצן אין זאַנגען . . .

אויך דאָ און אויך דאָרט כ'האָב געשפּילט זיך אודאי
און היציק געיאָגט זיך אין שטויבן געדיכטע;
און ס'האָט קוים דערהאַלטן די מאָגערע סטאַדע
די בלאָסלעכע פאַרבן אין קינדער־געזיכטער.

איז איטלעכער איד מיר געוואָרן אַ שכן
און איטלעכער יאַט איז אַ ברודער געוואָרן;
און יעדערנס בראָך האָט מיין האַרץ מיר צעבראָכן,
מיט יעדער לויה — האָב איך וואָס פאַרלאָרן . . .

און האָבן די שכנים געהאָפט און גע'חלומ'ט
פון טעג פון געזונטע און לויטערע פרילינגס, —
באַהעפט כ'האָב מיט זיי זיך, ווי שטיינער ביים מאָלן,
מיין טרוים איז מיט זייערס געוואָרן אַ צווילינג.

איצט לייען איך נעמען . . . און ס'ווילט זיך זיי גריסן
מיט לעבן, וואָס רייסט זיך פון אונטער די אַשן;
מיט גאַנג איבער ערדן, וואָס טויט האָט צעריסן, —
נאָר ווערן פונסניי, ווי מיט זון־גאָלד, געוואַשן.

יולי, 1946.

דער וואונדער בריק

„די רויטע אַרמיי האָט אויפגעבויט אַ בריק
אנדערהאלבן פוס אונטערן וואַסער.“
(נייעס פון סאָוועטישן פראָנט)

אַ פעלד אַ פאַרשנייטע אויף מיילן זיך ציט
און דער טייך, ווי אַ שווערד, אים צעשניידט אינדערמיט.

אויף איין זייט — דאָס פאָלק, אויפן צווייטן — דער פיינט,
און מיט אַ שנייאיקער ווייסקייט דער סטעפּ איז באַשיינט.

דער שניי איבער ברעגן, ווי פראָסטיקער צווויט,
דער טייך אינדערמיט, ווי אַ וועכטער וואָס היט . . .

שוין וואָכן, חדשים — בייטאָג און ביינאַכט —
דער טייך, ווי אַ שומר, די גרענעץ באַוואַכט.

ניט איינמאָל האָט שונא, אין הייסן געשלעג,
געגלוסט צו דערגרייכן דעם אַנדערן ברעג,

האָט פאָלק זיך געשליידערט דעם מערדער אַנטקעגן
און דרייסט אים פאַרשטעלט אַלע טייכישע וועגן.

דאָס לאַנד האָט דעם טאָג פון נקמה געגאַרט
און געגרייט האָט דאָס פאָלק זיך, געגרייט און געוואַרט . . .

נאָר ווי וועט אַדורכגיין סאָוועטישער טאַנק
ניט זינקענדיק טיף אין זיין שטאָלענעם גאַנג?

און האַלטן זאָל לאַסט זיך פון ברעג ביזן ברעג
און דער שטראָם זאָל ניט ציען די משא צום דעק?

ס'מוז ווערן אַ בריק איבער וואַסער געבויט!
נאָר ס'לויערט דער שונא אַנטקעגן מיט טויט.

און פול מיט געפאַר איז די שטילקייט פון סטעפּ;
דעם פיינט טאָר ניט גרייכן סאַפּיאָרישע קלעפּ;

עס טאָר ניט דערוועקן איין קלאַנג קיין פאַרדאַכט
ביים שונא, וואָס לויערט אַנטקעגן און וואַכט . . .

דער טאָג איז שוין נאָענט, די שעה איז באַשטימט,
דער טאָג איז פון ווינטן צעדרייט און צעקרימט;

נאָר שאַרף איז דער אויג־בליק פון דעם אינזשענער
און היים איז אין האַרץ זיינס — נקמה־באַגער . . .

די בליקן צעבויערן שנייאיקע ווייט
און קלעטערן הויך צו דער פיינטלעכער זייט.

זיין אויג איבער סטעפּ — ווי אויף ים'ען אַ שיף:
עס עגבערט די לענג און די ברייט און די טיף;

עס נישטערט און מעסט און באַקלערט און באַטראַכט, —
די חכמה פון פאָלק האָט אַ פּלאַן שטיל געמאַכט . . .

* * *

ס'איז פראָסטיק די נאַכט און אַ שנייעלע שיט
און פאַרוויקלט דעם סטעפּ און דעם טייך אינדערמיט . . .

— און אונטערן צודעק פון נאַכט און פון שניי, —
שווימען סאַפּיאָרן אין כוואַליעס־געדריי.

זיי שווימען און שלעפּן די שפּאַלן מיט זיך,
עס שניידן די קריעס ביז בלוט דאָס געזיכט;

פון נעץ און פון קעלט זיינען לייבער צעבלויט,
פון ווינטן צעשניטן — דערפראָרענע הויט;

נאָר האַריץ איז צעוואַרעמט און קרעפּטיק — די האַנט:
פון צאָרן צום פיינט, וואָס געשענדט האָט דאָס לאַנד . . .

און ס'הויבט זיך אָן בויען אין וואַסער אַ בריק, —
פאַרהילט און פאַרבאָרגן פון מערדערשן בליק.

דער האַס פון אַ פאָלק בויט אַ שטאָלענעם וועג,
נאָר ס'ווייסט ניט דער שונא וואָס ס'טוט זיך ביים ברעג:

דער נאַכטיקער שלייער שלינגט איין יעדן גליד
און דער שניי איבער אַלץ אַזוי פראָסטיק צעבליט.

ביי טאָג שווייגט אין שטראָם אַזוי וואָגיק דער סוד,
ביי נאַכט טוט די אַרבעט מיט אימפּעט אַ זאָד:

עס טויכן אַרמייער אין אייז־שטראָם צום דעק —
יעדע האַנט שניידט די טיף, ווי אַ מעכטיקע זעג;

מען לייגט פונדאַמענטן, צעמענטענע שטיק,
עס דרייען זיך שרויפן . . . און ס'וואַקסט זיך דער בריק,

אַ שפּאַל צו אַ שפּאַל און אַ ברעט צו אַ ברעט . . .
פון אויבן דאָס וואַסער אים צערטלט און גלעט;

ווער פילט דען דעם ווינט און די נאָדלען פון שניי,
די מעסער פון פראָסטיקן וואַסער־געדריי?

עס טראָגט אַ געוויין זיך אין פלאַטער פון ווינט,
אין לויטערע שנייען — די טרערן פון קינד . . .

און ס׳בריט יעדע הארץ אזא פלאַמיקער ווי
פאַר חרוב׳ער היים און צעשטערטן פאַרזוי.

ס׳האָט קיינמאָל אַ פאָלק נאָך אַזוי ניט געברענט
מיט הייליקער גבורה אין קרעפטיקע הענט,

און די נאַכט, ווי אַ מאַמע, באַשיצט אים געטריי,
אַ ברודער דער שניי איז, וואָס פלאַטערט דאָ פריי . . .

* * *

און אָט איז דער לעצטער שוין שרייפל פאַרשרויפט,
און איבערן בריק איילט דער טייך זיך און לויפט,

און איבערן וואַסער אַ הייטל פאַרפרירט . . .
און ס׳האָט ניט דער שונא קיין איינמאָל דערשפירט,

און האָט ניט געפונען אין סטעפּ קיין פאַרדאַכט,
און האָט ניט פאַרדעכטיקט די פּראָסטיקע נאַכט, —

אַז אונטערן אייז, ווי אַ לייב אין אַ שטייג,
אַ שטאָלענער בריק וואַרט געדולדיק און שווייגט:

מיט פעליזקער גבורה אין איטלעכן גליד,
מיט כוח פון ריזן אין אַקסלען פאַרשמידט . . .

עס מורמלט און שעפּטשעט דאָס וואַסער געהיים
און קושט אים און האַלדזט אים מיט כוואַליקן שוים;

און מוטערלעך צערטלט מיט טייכישן גנאָד
די חכמה פון לאַנד און דעם ליכטיקן סוד . . .

דער סטעפּ איבער מיילן האָט שנייאיק געבליט
און דער טייך אינדערמיט — ווי אַ וועכטער, וואָס היט . . .

* * *

און אַט איז שוין דאָ דער דערוואַרטעטער טאָג:
עס טוט אַ גערודער און ס׳טוט זיך אַ טראָג

פון ריזיקע טאַנקען אַ מעכטיקע ריי
אַריבער דעם מילד־ווייסן סטעפּישן שניי.

זיי ווייסן פון פריער געצייכנטן וועג
און קומען אַליך נענטער צום טייכישן ברעג . . .

עס שטייט אַ פאַרגאַפטער דער שונא און וואַרט:
דער אייזיקער צודעק זאָל געבן אַ קראַך

און זינקען אין שטראָם זאָל סאָוועטישער טאַנק
און אָפּהאַקן זאָל זיך דער שטאָלענער גאַנג.

„אָ, הימל פאַרפלוכטער!״ — דער פריץ איז פאַרגאַפט:
עס האַלט דאָרט דעם טאַנק אַן אומזעבאַרע קראַפט

און ס׳שפרייזן קאָלאָנעס פון טאַנקען אָן צאָל
אַריבער דעם טייך, ווי אויף בריקן פון שטאָל;

זיי שטייגן און שפייען מיט פייער און טויט
ביז פעסטונגען פיינטלעכע פלאַקערן רויט!

עס וואַרפן די פריצן פון זיך דאָס געווער
געיאָגטע פון פחד אויף איטלעכן קער;

אין טייוולשע אויגן — אַ ווילד־בייזע שרעק:
פאַר טאַנקישע קלעפּ און פאַר עפּעס אַ וועג,

וואָס ציט איבער טייך זיך באַהאַלטן פון אויג
און גיט אונטער טאַנק זיך אַפילו קיין בויג . . .

עס לויפן די מערדער פון שוץ־גרוב אַרויס, —
נאָר ס'שוועבן די טאַנקען און יאָגן פאָרויס

און רוישיק פאַרלויפן דעם שונא דעם וועג
און שמייסן מיט קוילן, ווי פלאַמיקע העק . . .

און ווער נאָך ניט צאַפּלט אין פראַסטיקן שניי
מיט לעצטן פאַרדאַמטן „העיל היטלער!"־געשריי;

און ווער עס באַצירט ניט דעם שנייאיקן סטעפּ,
מיט גלידער צעבראָכטע, צעלעכערטע קעפּ, —

פאַר דעם זיינען וועגן סיי־ווי שוין פאַרצאַמט,
די שעה פון אַנטרינונג — פאַרשפּעטיקט, פאַרזאַמט . . .

* * *

און דער שניי האָט אין פעלד זיך געדרייט און געטאַנצט,
און דער סטעפּ האָט מיט פראָסטיקער פרייד זיך צעגלאַנצט;

און געשטראָמט האָט דער טייך און מיט ליבע געקושט
דעם וואונדער־געבוי אין זיין קוואַליקער ברוסט . . .

נאָר בלינד איז דער פיינט, וואָס באַנעמט ניט די קראַפט
מיט וועלכער אַ פאָלק זיינע וואונדער באַשאַפט.

דער טייך האָט געוואוסט און דער סטעפּ האָט געוואוסט:
ס'איז דער פלאַם פון נקמה, וואָס פלאַקערט אין ברוסט . . .

מאָטל

באַלאַדע וועגן אַ העלד אויפֿן אינזל אַטו.

אין צפֿון פּאַסיפֿיק, אין נעפּל פֿאַרזונקען
אַן אינזל פֿאַראַן איז — אַ ברעקעלע ערד;
עס האָבן די כוואַליעס געקעמט זיינע ברעגן
אַנצאָליקע דורות, פֿון קיינעם געשטערט.

אַן אינזל — אַ פּינטל אויף ים'ען פֿאַרלאָזן,
און קיינער האָט קיינמאָל זיין נאָמען דערמאָנט;
די פֿייגל, וואָס שוועבן, די ווינטן, וואָס בלאָזן, —
בלויז זיי האָבן אים צווישן אינזלען דערקאָנט.

אַטו איז פֿאַרשלייערט אין גרויע טומאַנען
פֿון שטילן באַגינען ביז לאַנגן פֿאַרנאַכט;
און רעגנס מיט שנייען זיך פּאָרן צוזאַמען
אויף בערגלעך און טאָלן, אויף בלאָטיקער פֿלאַך.

נאָר ס'האָט זיך דער שונא דאָ פּלוצלונג באַוויזן
מיט וועלפֿישן לויער אויף אינזלשן ברעג;
און ס'שליידערט דער ים זיינע כוואַליעס, ווי שפּיזן,
דעם שניי־ווייסן שוים — ווי אַ גלאַנציקע זעג.

דער גאַנצער אַרום איז מיט שרעקן באַלאָדן
און ס'וואָרענען ווינטן פֿון טויטן־געפֿאַר:
אַז ווייַ איז צו דעם, וואָס אויף פֿיינטלעכע גנאָדן
טרויט אָן זיינע טריט דאָ, זיין אומרו און צער . . .

* * *

שווער וויגן זיך שיפֿן פֿון נאַכט ביז באַגינען,
ווי שלאָפֿלאָזע קינדער, אין אָרעמס פֿון ים:
זיי קאָנען קיין רו און קיין שלאָף זיך פֿאַרגינען
און אימפּעטיק ברעכן פֿון כוואַליעס דעם צאַם.

עס טראָגן די שיפן געהיימע שלוחים
און ס'צערטלט אַ יעדער פון זיי אַ געבאָט:
דעם העפלעכן שונא מיט פייער אויפזוכן
און אויסוואָרצלען גיכער פון דאַנען זיין טראָט . . .

און ס'אַנקערן שיפן אין גרויען באַגינען
און יונגען באַפאַלן פאַרנעפלטן ברעג;
ס'צערווישן זיך כוואַליעס געהיימפול אין קרייזן,
צעקושן די פוס־טריט און איילן אַוועק . . .

מיט דרייסטע חברים שפאַנט שרעקלאָז אויך מאָטל
און גרייפט אָן מיט יונגע צעפרילינגטע טריט;
פון פלאַמיקע זאַלפן ווערט נעפל צעשפּאָלטן,
נאָר ס'האַרץ זיינס ברויזט אויף און עקשנות'דיק גליט.

דער שונא — ער ענטפערט מיט מערדערשע קוילן
און ס'קניט אַ פאַרשניטענער חבר אַראָפּ . . .
שטיקט מאָטלען אין האַלדז אָנגעלאָפענע קנוילן,
בריט הייסער אין יונגן צעשויבערטן קאָפּ.

אַ טאָג און אַ נאַכט . . . ס'ברענען הייסער די פלאַמען,
נאָר זיכער שוין האַלטן די יונגען דעם ברעג, —
זיי האָבן פאַרווישט די באַפעסטיקטע צאַמען
און גיבן צוריק קיין איין שפאַן ניט אַוועק.

* * *

אין זעלנערשן ביידל רוט מאָטל נאָך שלאַכטן.
ווי זיס איז די רו נאָך אַ הייסן געשלעג!
נאָר גרויער אַרום איז פאַרוועבט מיט פאַרדאַכטן
און ס'לויערט דער שונא אויף איטלעכן שטעג.

אַ נאַכט אַזאַ בייזע . . . אַ נאַכט אַזאַ בלינדע . . .
מיט טויזנט געפאַרן עס אָטעמט די נאַכט . . .
נאָר דאָ אינםביידל — דערשעפּטע און מידע —
איצט רוען חברים — פאַרבליבענע אַכט.

אַ מאַך־צו די אויגן — און ס'פּראַלן אויף וועלטן,
אַ שליס־צו דעם בליק — פליען וואָכן פאַרביי;
פאַר יעדן אַנטפּלעקט זיך אַ היים אַ צעהעלטע
און ס'גריסט אים אין צפון אַ היימישער מאַי . . .

עס צויבערן וועגן פון הי ביזן דרום
און פירן צום זיכערן, היימישן שוועל, —
ווי ס'ביידל וואָלט אויסשטרעקן סוף'לאָזע אָרעמס
און ברענגען אַהערצו אַ גרוס פון דער וועלט . . .

און מאָטלען זיך חלום'ען ווייסינקע לאָקן
און בלויקייט פון קינדערשע אויגעלעך צוויי;
עס קומען און צערטלען אים זיסע פאַרטאָגן
מיט העלקייט פון ערשטן פון לויטערן שניי.

* * *

נאָר פלוצלונג צעטרייסלט דעם חלום אין ביידל
אַ פרעמדער פאַרדעכטיקטער קנאַל;
צעפליקט ווערט פון אויג דאָס פאַר'חלום'טע הייטל
און צום פולעמיאָט־שטעל טוט מאָטל אַ פאַל.

אין נאַכטיקן חושך גערוקט האָט זיך חיה'יש
אַ פיינטלעכע מחנה פון איטלעכער זייט;
האָט מאָטל די קוילן געשטעפּט און מיט כעס
די שטרענגע פאַרשנורעטע ליפּן געקייט.

אַ וועלפֿישע כאַפּטע — ניט איבערצוציילן
און דאָ אינםביידל — ניט מער — זאַלבעאַכט;
נאָר מאָטל איז זיכער: בלויז טויט קאָן צעטיילן
די אַכט די פֿאַרבליבענע היינטיקע נאַכט.

און נאָענטער קריכן די ברואים און בייזער . . .
ווי קאָנען אַכט יונגען פֿאַרצאַמען דעם ים?
און נאַכטיקער נעפּל צעצונדן ווערט הייסער
און נאָענט בליצט אויף שוין אַ פֿלאַם נאָך אַ פֿלאַם.

ס'איז שאַרפֿער פֿון בליץ מאָטלס וואַכזאַמע אויג,
וואָס באַגלייט אינם חושך די טויטלעכע קויל;
אַ קאָפּ נאָך אַ קאָפּ טוט זיך דאָרטן אַ בויג
מיט איבערגעהאַקטן געשריי אינם מויל.

אַ וועלפֿישע כאַפּטע אויף וואַלדיקע וועגן
קאָן בייזער ניט דורשטן נאָך קרבנ'ס געביין;
און ווידער דעם ביידל די קוילן צעזעגן
און ווידער „באַנזאַי!" — דורך צעשטשירעטע ציין . . .

* * *

און כוואַליעס נאָך כוואַליעס זיך טראָגן אַנטקעגן
און שיכור פֿון האַס ווערט ביי מאָטלען דאָס האַרץ:
פֿאַר בלוט פֿון חברים, וואָס טריפֿט, ווי אַ רעגן,
פֿאַר לויטערע טעג, וואָס דער פֿיינט האָט פֿאַרשוואַרצט...

און ברידערלעך דריקט ער ס'געווער דאָס צעפּלאַמטע
און מורמלענדיק בענטשט ער צעפּולווערטן בליי:
„פֿלי, טייערס, ווי הימלשער בליץ אומגעצאַמטער,
און גיי ניט און פֿלי ניט דעם שונא פֿאַרביי . . ."

מיט זיכערער האַנט האָגלט מאָטל און שליידערט
דעם טויט דעם פּאַרדינטן אויף מערדערשע קעפּ:
פאַר אָנצינדן חוצפּה'דיק בלוטיקן שייטער
אויף פרידלעכע ערדן, אויף ימ'ישן סטעפּ . . .

נאָר שטיל, ווי אַ וואָרים, אַ בריאה פאַרקלייבט זיך
פון הינטער אַרום, הינטער מאָטלס געשטעל . . .
„אָ, מאָטל!״ — אַ חבר אים וואָרנט באַצייטנס
און ס'טוט פאַר די אויגן אַ בלענד עפּעס העל . . .

מיט בלענדיקן שטאָל פון דעם פיינט'ס באַיאָנעט
האָט מאָטל'ס אַ זיכערע קויל זיך באַגעגנט;
און איידער נאָך מאָטל דעם אויסגאַנג דערזעט, —
זיין אייגענער פּנים ווערט בלוטיק באַרעגנט . . .

* * *

דער גרויער באַגינען דאָס ביידל שוין גלעט
און פראָסטיקער נעפּל צו וועגנטלעך זיך טוליעט;
נאָר פעסט צו דער ערד האַלט דעם שונא'ס באַגנעט
זיין מידן צעלעכערטן קאָפּ צוגעשפּיליעט.

ער ווייסט ניט, ווי לאַנג שוין . . . נאָר ווייטיקן שאַרפע
זיך טראָגן צום מוח פון איטלעכן גליד;
און מאָטל דערמאָנט זיך: דעם שונא'ס זיך וואַרפן,
דעם שטאָלענעם בלענד, וואָס אַנטקעגן אים פליט . . .

מיט אָנשטרענג מיט לעצטן די האַנט זיינע קלאַמערט
אין קאַלטן, פאַררעטערישן, שטומען געווער . . .
די האַנט זיינע ציטערט . . . אין שלייפן — עס האַמערט, —
און מאָטל באַפרייט זיך פון בלוט־פייכטער ערד.

ער גלייכט אוים מיט מי זיין צעפייניקטן רוקן
און וואַרפט איבער ביידל אַ נישטערדיק בליק:
פון ווינקל צוויי אויגן בייז־קרומלעכע קוקן
און שטאַרן . . . זיי שליסן זיך מער ניט צוריק.

עס האַמערט ביי מאַטלען דאָס בלוט אין די שלייפן,
דער אָטעם אין ברוסט — אַזוי וואונדיק און שווער;
פאַר אויגן זיך קרייזן צעצונדענע רייפן
און מאָדנע געררוישן פאַרטויבן ס'געהער.

צי פיבערט אַ שלאַכט ערגעץ־וואו איבער וועגן,
צי רוישט אַזוי פיבערדיק־האַסטיק זיין האַרץ?
און קיל־פייכטע טראָפּנס זיין קערפּער באַדעקן
און יונגער געביין ברענט אין קלאַמער פון שמאַרץ.

בליצט אויף אַ געדראַנג אין צעפיבערטע בלוטן
און מאָטל לאָזט גיין זיך צום ימ׳ישן ברעג;
ס'איז וואַקלדיק־שווער יעדער שפּאַן, וואָס ער טוט נאָר,
און ס'ציט אָן אַ סוף זיך פאַרנעפּלטער שטעג . . .

* * *

ווער קומט עס אַנטקעגן, ווי שאָטנס, פון ווייטן:
צי מענטשן, צי וועלף גאָר אַ סטאַיע אַזאַ?
און מאָטל דערקאָנט שוין דעם שונא באַצייטנס,
זיין וועלפישן וואָיען: „באַנזאַי!" און „באַנזאַי!" . . .

ס'קאָן מאָטל דעם שונא . . ווי וואָגט ער צו טרויען
צעוואונדיקטן קערפּער אין טויטלעכע הענט?
עס צינדט זיך זיין מאַרך אָן מיט ווילדן שיגעון
און איטלעכער גליד זיינס עקשנות'דיק ברענט.

פאַרזייט איז דער וועג מיט דעם שונא'ס חרוגים, —
און מאָטל פאַלט צו צו דער פּראָסטיקער ערד;
פאַרקילט יעדן ריר פון די גלידער, וואָס צוקן,
און גלייך מיט די מתים — אַ בר־מנן ווערט.

די ערד איז אַ מאַמע . . . און ס'טוליעט זיך מאָטל
אַלץ שטייפער צום מוטערלעך האַרץ פון דער ערד;
ער בענטשט אין דער שטיל יעדן זעמדל פון באָדן
פאַר טעג, וואָס אים זיינען נאָך אפשר באַשערט . . .

און ס'טראָגט זיך פאַרביי אים און ס'יאָגט איבער אים זיך
אַ באַנדע בלוט־דורשטיקע פיינט אין געיעג;
נאָר מאָטל — אַפילו קיין איינציקן קרים זיך,
אַפילו קיין זילב ניט פון ליפּן פאַר שרעק . . .

די קולות פאַרשווינדן און מאָטלען ציט ווידער
צום ברעג, וואו עס אַנקערט די שיף פון זיין לאַנד;
נאָר בליי איז אין מאָטלס פאַר'חלש'טע גלידער,
וועט ער זיך דערשלעפּן צום אינזלשן ראַנד?

דער נעפל דער גרויער האָט לאַנג אויסגעזויגן,
ווי טראָפּנס, די קרעפטן די לעצטע אין אים;
אין טונקעלע קרייזן זיך טונקען די אויגן . . .
נאָר פּלוצלונג, אים דאַכט זיך, דערגרייכט אים אַ שטים:

„גיי... גיי...“ צי פאַרנעמט עס זיין אויער די ווערטער,
צי איז דאָס דער שאַל פון זיין שלאָנגדיק האַרץ?
צי לויערט גאָר ערגעץ פאַרבאָרגן דער מערדער
מיט האַק, וואָס איז לאַנג שוין פון בלוטן פאַרשוואַרצט?

צי זאָל ער אַליין זיינע ווייטיקן שטילן
מיט בליי פון דער איינציק־פאַרבליבענער קויל?
און דיק־גרויע נעפּלען זיין מוח פאַרהילן
און ס׳גליט, ווי אַ שריפה, צעלעכערטער מויל . . .

צי טיף איז פאַרוואָרצלט די ליבע צום לעבן,
צי קרעפטיק — די ליבע צום אייגענעם לאַנד;
דאָס לאַנד האָט מיט צוטרוי אַ שליחות פאַרגעבן —
וועט ער זי ניט שענדן מיט אייגענער האַנט.

און ווידער קריכט מאָטל אין גרויען פרימאָרגן
און ס׳נישטערט אין טונקעלע קרייזן זיין בליק . . .
דאָס קול פון זיין פאָלק האָט זיין ווייטיק דערוואָרגן,
די שטים פון זיין האַרץ האָט דעם צווייפל דערשטיקט...

* * *

עס טונקט זיך זיין בליק אין דעם גרוי פון באַגינען,
די ווייט איז מיט פאָרהאַנגען דיקע פאַרשטעלט;
און ס׳דאַכט זיך אוים מאָטלען: ער וועט באַלד געפינען
אַ פונק, וואָס דערוואַרעמט, אַ פונק, וואָס באַהעלט...

נאָר עפּעס פאַרלויפן מיט פייכקייט די אויגן
און ס׳דרייען זיך לאָקן, ווי שטרוי, אין טומאַן;
אַ פּנים׳ל שמייכלט מיט בלויקייט באַצויגן,
מיט ליכט פון אַן אַנדער, אַ זומערדיק לאַנד . . .

און אָט איז זיין טאַטנס גוט־מוטיקער שמייכל
און אָט איז דער מאַמעס טיף־לעבנדיק בליק . . .
זיי קומען אַנטקעגן פאַרגאַפטע און בלייבע
און רופן און מאָנען: „קיין שפּאַן ניט צוריק...!"

„... אָ, מאָטל..! אָ, מאָטל..!" אַ קול, ווי פון תהומ'ן...
צי האָט טאַקע ווער דאָ זיין נאָמען דערמאָנט?
און מאָדנע אים צערטלט זיין אייגענער נאָמען
וואָס טראָגט זיך פון איינעם, וואָס האָט אים דערקאָנט.

אַ חבר פון שיף... אויפן פנים — פאַרגאַפונג,
דערשטוינונג אין האַרטן צעצונדענעם בליק...
און מאָטל באַגעגנט אַן אָרעם אַ בראַוון,
און מאָטל פאַרנעמט שוין אַ ברודערשן דריק.

אין האַרץ — ווי ס'וואָלט אימעצער פייערלעך פויקן,
נאָר האַלז איז פאַר'שרפה'ט, צעלעכערט — דאָס מויל...
זיין חבר זעט פייכטע, פאַרלאָפענע אויגן,
אַ רויטן געזיכט, אַ פאַרוועבטן מיט גרויל...

דער נעפּל הילט איין איבער אינזל דעם וואונדער,
וואָס שפּאַנט זאַלבאַנאַנד איצט מיט מאָטלען אין וועג;
בלויז עטלעכע מייל, נאָר געדאַכט האָט זיך — הונדערט,
און מאָטלען באַגריסט האָט דער ים'ישער ברעג...

און מאָטלען באַגריסן די „שטערן און שטרייפן"
וואָס פלאַטערן וואַכזאַם אין רוישיקן ווינט;
ער וואָלט מיטן ים־ווינט געהאַלזט זיי איצט שטייפער
און איטלעכן שטערן געקושט, ווי אַ קינד...

נאָוועמבער, 1943.

די רויטע אַרמיי ביי דער עלבע

1

אָט דאָ איז דער טייך און אָט דאָ איז דער בריק,
און דאָ האָבן גלעקער צעקלונגען דעם זיג . . .

און דאָ האָבן ווינטן די פאָנען צעוויייט,
צעוויייט און צעפלאַטערט די מענטשלעכע פרייד.

אין „שלום־עליכם׳ס" פאַרפלעכטן זיך הענט
און „מזל־טוב׳ס" פליען, ווי טויבן, צעבלענדט;

די ווערטער זיך פלאָנטערן אונטערן צונג, —
נאָר איינער דעם צווייטן פאַרשטייט אויפן וואונק . . .

עס האָבן די ה ע ר צ ע ר גענומען דאָס וואָרט
און ס׳ריידן די אויגן פון חלום אויף וואָר;

און ליפּן צו ליפּן עס פאַלן געפּרעסט,
ווי לאַנג שוין געגאַרטע, דערוואַרטעטע געסט . . .

אַז ווען האָט דער טייך אַזאַ טרעפונג געזען,
ביי ברעגן אָט דאָ — אַזאַ פריידיקן ברען?

און ווען האָט זיך הימל געשפּיגלט אַזוי
און וואַסערן זיינע פאַרהילטע אין בלוי?

ווי לאַנג און ווי ברייט האָט געשטראָמט אָט דער טייך
דורך נאַצי־פאַרפּעסטעטן, רוצח׳ישן ר י י ך, —

האָט פּריי ניט געהילכט איבער אים אַזאַ ליד,
האָט הײם ניט געבריט אַזאַ קלאַנג זײַן געמיט . . .

ס'הערט איין זיך דער טײַך און זײַן איילוקן לויף
און ס'כאַפּן די כוואַליעס די ווערטער צונויף,

און רוישיק צעטראָגן מיט ווינטן בײַנאַנד:
פאַרוואָס דאָ באַגריסט זיך אַ לאַנד מיט אַ לאַנד

און וואָס האָט געבראַכט זיי פון ווייט און פון פרעמד —
די פוס־טריט פאַרשטויבט און די פויסטן פאַרקלעמט . . .

2

מיר קומען פון מזרח, וואו ס'האָט אונזער ערד,
ווי אַ מאַמע, געשפּײַזט אונז געטריי און גענערט;

זי האָט מיט איר שפע פאַרטריבן די נויט
און העל האָט דער הימל אויף קעפּ זיך צעבלויט;

דאָס לעבן האָט ליכטיק און גרינג זיך צעבליט
מיט לידער אויף ליפּן, געזאַנג אין די טריט;

מיט גאָלדענע זאַנגען אויף רחבות פון פעלד,
מיט גאָלדענע מאָרגנס פאַרויס אונז צעהעלט . . .

דאָס לאַנד האָט צענומען די מעכטיקע הענט
און מענטש האָט זײַן אמת'ע גבורה דערקענט.

דאָס פאָלק האָט אַליין זיך געזעצט אויבנאָן:
די ערד אונטער פיס אים — אַ רומפולער טראָן!

דער טאָג — פּאַר געבוי און פּאַר רוען — די נאַכט . . .
און שטאָלץ איז געשטאַנען ביי ראַנדן די וואַנט,

און דרייסטע ביים גרענעץ געוואַכט האָבן זין:
עס זאָל כאָטש קיין שונא ניט וואַגן אַהין;

ניט וואַגן צו רויבן די פּרוכט פון דער מי,
ניט שטערן דעם אויפגאַנג, דעם ליבן צעבלי . . .

נאָר ס׳האַרץ פונם שונא איז פול מיט באַטרוג
און ס׳ריעט ביים גרענעץ זיין נאַצישער שנוק;

און היים איז זיין אָטעם מיט גלוסטונג נאָך רויב
און שאַרפט נאָכאַנאַנד אינם נאַכטיקן שטויב

די העק און די מעסערס, דעם שפּיז און דעם שווערד;
פאַרגרייט זיך מיט תּליות — אַ צירונג דער ערד . . .

און ווען ס׳האָט אַ קינד נאָך גע׳חלומ׳ט אין וויג —
אויף ראָזעווע ליפּן — אַ שמייכל פון גליק;

און ווען דער באַגינען האָט קוים זיך געגרויט
מיט אָנזאָג אויף מאָרגן, אויף הימל, וואָס בלויט, —

האָט פּלוצלונג דער שונא געטאָן אַ באַפאַל
איבער פרידלעכער שטוב, איבער רואיקער שטאַל,

איבער זאַנגען פון פעלד, איבער קינדערשן וויג,
און געלאָשן די שטערן, געוואָרגן דאָס גליק . . .

3

אַ, פּרעג ביי דער וואָלגע, איר שטראָם גיב אַ פרעג,
דעם דניעפּער פּרעג אָן, זיינע כוואַליעס ביים ברעג;

נויג אָן זיך צום דניעסטער, וואָס דו האָסט פאַרשוועכט,
פאַרנעם דער בעריאָזעס געדויש דורך די נעכט;

און פרעג ביי דער ווייסל, ביים קליינינקען פרוט, —
און דו וועסט דערהערן אַ מורמל פון בלוט . . .

עס וויינען די כוואַליעס ביז היינט דעם געוויין
פון לעבנס אין פּיין, פון אַ דור אין פאַרגיין . . .

נויג אָן דיין געהער, טו אַ פרעג אים, מיין לאַנד,
די פעלקער, וואָס בלוטן פון ראַנד ביזן ראַנד:

אין וועלכן יאָרהונדערט, אין וואָס פאַר אַ העק,
האָט ווער זיי געזען — אָט די בילדער פון שרעק?

מיר האָבן דורך דורות געניטשטערט, געזוכט,
און קיינמאָל און קיינעם אַזוי ניט געפלוכט;

אַזוי ניט געהאַסט, ווי די שלאַנג פון בערלין,
וואָס דיין לאַנד האָט געשאָנקען דעם מענטשלעכן מין . . .

מיר האָבן געשאָלטן די רוצח'ישע גיפט,
וואָס האָט דאָ פון מוטערשע בריסטן געטריפט;

און האָבן געשוואָרן נקמה און האַס
און פייער פאַר פייער און אַשן פאַר אַש . . .

4

האָט ס'לאַנד זיך צעטרייסלט פון איין ראַנד ביזן צווייטן —
די זין די געטרייע אַרויס צו באַגלייטן.

ס'וועט קיינמאָל דער זכר ניט ווערן פאַרלאָשן
פון יענע צעהיצטע און דולע חדשים . . .

גיי פרעג יעדן הויז און די שטוביקע שוועלן, —
ווי אַלץ האָט געפּלאַקערט דעם וועג צו פאַרשטעלן!

גיי פרעג יעדן וואַלד און אין וואַלד יעדן שטעגל, —
מיר האָבן אין זיי זיך געקלאַמערט מיט נעגל!

די שליאַכן, די בערגלעך, די ערדישע הייל, —
זיי וועלן דיר אַלע פון די העלדן דערציילן . . .

ס'האָט קיינמאָל אַ לאַנד נאָך, ווי אונזערס, געפּלאַקערט
פאַר איטלעכן שפּאַן און פאַר איטלעכן אַקער!

מיר האָבן געריסן פון שונא די וויאָרסטן,
דעם דאָרף דעם פאַרשמאַכטן, דאָס פעלד דאָס פאַרלאָזטע;

דעם טייך און די ברעגן, דעם וועלדל דערנעבן;
דעם פויגל צוריק זיינע פליגל געגעבן.

מיר האָבן פון שונא די זומערס געריסן —
פאַר קינדערשע הערצער אויפסניי צו געניסן;

די לויטערע העלקייט פון שנייאיקן פלאַטער —
פאַר בליקן באַפרייטע פון הינטער דער גראַטע;

מיר האָבן פון קײטן באַפרײט דעם געלעכטער,
דעם שמײכל אויף ליפּן, די לויטערסטע ווערטער,

און אומגעקערט האָט זיך די חשיבות צום מענטשן
און שטאָלצע זײ גריסן די זיגער און בענטשן!

* * *

עס האָבן געהאַמערט פון מזרח די ווערטער
פון יושר צעהעלטע, מיט חשבון באַשווערטע . . .

געהערט האָט דער טײך אין זײן אײליקן שטראָמען,
ווי ס'טראָגט זיך פון ליפּן מיט שאַנד איצט זײן נאָמען;

און ס'האָבן די כוואַליעס די ווערטער צעטראָגן
פאַר קינדער צו װיסן, אויף דורות פאַרזאָגן:

פאַרוואָס און פאַרווען זײנען געסט פונדערווײטן
געקומען די וואַך בײ זײן ברעג צו פאַרבײטן . . .

די בערעזינא

אַ גרוס אייך, אַ גרוס אייך, אָ, וואַסערן קלאָרע
אין שוים פון מיין היימיש־צעדרוישטער בעריאָזע!
איך זע אייער זיגרייך־צעכוואַליעטן אָרעם
זיך הויבן איצט ווידער מיט שוימיקער קאַסע!

דריי יאָר האָט די בלוטיקע סוואַסטיקע־טומאה
געטונקען אין אייך אירע אומריינע גלידער;
עס האָבן אַפילו די פייגל — ווי שטומע —
פאַרביי זיך געטראָגן פאַרשעמטע אָן לידער.

איר זייט אונטער הימלען געפלאָסן געשענדטע
דורך רחבות׳ן־גרין פון ווייסרוסישע ערדן;
ווי האָבן די שטערן — דורך יאָרן געפּענטע —
באַגריסן געקאָנט אייער שפּיגל צעשטערטן?

בעריאָזע, ווי האָבן די לוסטיקע ווינטן
געקאָנט דיינע כוואַליקע צעפלעך צעקעמען, —
און באַלד ניט אויף אייביק אין ווייטן פאַרשווינדן
פון ווייטיקן שאַרפע און פיינלעכן קלעמען?

ווי האָבן די פרילינגס מיט לאָנקעס צעגרינטע
באַצירן געקאָנט דיינע ווייך־צאַרטע ברעגן, —
אַז הילכיק געלעכטער פון זאָרגלאָזע קינדער
האָט מער ניט געפונען צו דיר שוין קיין וועגן?

געדולדיק געוואַרט האָסט אויף שעה פון נקמה . . .
און אָט האָט די שעה, ווי אַן אויפרייס, געשלאָגן!
און ס׳יובל׳ען פון ברעג ביזן ברעג דיינע תהום׳ן
אַנטקעגן דעם מאַרש פון צעהעלטע פאַרטאַגן!

און ס׳קנייטשט זיך דיין פּנים אין לוסטיקע פאַלדן
און ס׳ציט זיך דיין כוואַליקער גרוס צו דעם דניעפּער,
און טויזנטער מיילער דו עפנסט צעפּראַלטע
צו ווערן דעם העסלעכן שונא׳ס באַגרעבער.

צעשווינג דיינע כוואַליעס, אָ, קלאָרע בעריאָזע,
ביים ברעג פון באָריסאָוו, באַברויסק און בערעזין!
צעשווינג דיינע כוואַליעס ווי גלאַנציקע קאָסעס,
און שלינג זייער טומאה־פאַרפּעסטעטן וועזן!

האָסט איינמאָל פאַרצוימט שוין מיט אימפּעט פון שטראָמען
דעם ווילדן צוריקלויף פון פרעמדע אַרמייען,
און ס׳זיינען בלויז שאָטנס פאַרבליבן אין תהום׳ען
צו צערטלען אין חושך פאַרגאַנגענע ווייען...

עס זאָלן בלויז שאָטנס אויך איצטער פאַרבלייבן
פון פייניקער דיינע — די שוואַרץ־ברוינע שענדער;
צום אומקום צום אייביקן זאָלסטו זיי טרייבן —
די שעכטער פון קינדער, די רויבער פון לענדער!

דיין לאַנג האָט דיך ווידער באַהעפט מיט דער וואָלגע,
פאַרקניפּט אין איין בונד מיטן זוניקן דניעסטער;
געבענטשט זאָלן זיין די ווייסרוסישע פאָלקן,
וואָס שמעטערן זיגרייך די מערדערשע נעסטן!

אַ גרוס דיר, אָ, פרייד־צערוישטע בעריאָזע,
אויך דיר, מיין באַפרייטע, מיין שטעטל בערעזין!
כ׳האָב קיינמאָל, ווי איצט, אַזאַ פרייד ניט געזאָסן;
ביים א ו י פ ש י י ן פון דיינע צעהעלטע מעת־לעת׳ן!

באַליבטע שטאָט

(פון רוסיש)

צום ווייטן גרענעץ פליט אַוועק דער פליער;
דער ווינט־געדויש באַגלייט אים אינם קריג;
באַליבטע שטאָט פאַרגייט אין בלויען נעפל:
דאָס שטיבעלע,
דער גרינער סאָד,
אַ צאַרטער בליק . . .

עס וועט דער חבר דורכגיין הייסע שלאַכטן
פון אינדערפרי ביז אין טיפער נאַכט אַריין;
נאָר ליבע שטאָט וועט שלאָפן אַ באַוואַכטע
און חלומען
און בליען העל
אין פרילינג־שיין . . .

און ווען אַהיים דער חבר וועט זיך קערן
וועט מילדער ווינט באַגלייטן אים צוריק;
באַליבטע שטאָט וועט שמייכלען אים אַנטקעגן:
דאָס שטיבעלע,
דער גרינער סאָד,
אַ צאַרטער בליק . . .

העי, טומאַנען...

(פון רוסיש)

העי, טומאַנען איר מײַנע, טומאַנען,
העי, די טײַערע לאָנקע און וואַלד . . .
ס׳האָבן שטאָלץ זיך געלאָזן פּאַרטיזאַנען
אין דעם מאַרש קעגן הערשער פון גוואַלד.

ס׳האָבן העלדן זיך מוטיק געזעגנט:
— גוטע נײַעס וועט אײַך ברענגען די צײַט . . .
און אויף וועגן סמאָלענסקער באַגעגנט
אומגעבעטענע געסט פון דער ווײַט.

און מכבד געווען זײ מיט פײַער
און אויף אײביק צעלײגט אין דער ערד —
פאַר דעם גרויסן און פײַנפולן טרויער,
פאַר דער הייסער און זודיקער טרער.

פון דאַן אָן, איבער גאַנצענעם געגנט,
ניט גערוט האָט דער מערדער פון קלעפּ:
טאָג און נאַכט האָט מיט קוילן געגרעגנט
איבער נאַצישע, רוצח׳ישע קעפּ.

ניט אַוועק וועט דער פרעמדער פון דאַנען
און ניט זען שוין זײַן הײם וועט ער מער . . .
העי, טומאַנען איר מײַנע, טומאַנען,
העי, מײַן ווינקל אויף אײגענער ערד . . .

אין שכרות אין רווישקער . . .

אין שכרות אין רווישקער וויגט זיך מיין קאָפּ
און קוים האָט דער וויין נאָר באַרירט מיינע ליפּן;
אַ וואַסער־פּאַל טאַנצט אויף מיין האַרץ איצט אַראָפּ —
דאָס האָט זיך מיין פרייד דאָרט צוזאַמענגעקליבן.

ס'איז בלויער דער הימל און העלער — די זון,
און ס'טונקט זיך מיין גליק אין די לויטערסטע הויכן . . .
ווי אַנדערש, ווי אַנדערש איז אַלץ היינט דערפון,
וואָס ס'טראָגט זיך די נאַצישע פעסטונג אין רויכן!

געצויגן האָט לאַנג זיך דאָך איטלעכע וויל
פון שווערן צוריקטריט, פון פיינגלעכן וואַרטן;
געוויטיקט האָט יעדער פאַרלאָרענער מייל,
געלעכצט און געבענקט נאָכן טראָט דעם געגאַרטן . . .

וואו האָבן זיך כוחות גענומען פאַר מי
און וואָס האָט געקרעפטיקט אייך, צער'פולע ברידער?
איר האָט אונטער לאַסט ניט געבויגן די קני, —
דער זיג האָט געשיינט אייך פון טיפסטן דערנידער.

דער צויבער פון אייערע זיגרייכע טריט
איצט יובל'ט מיט פרייד איבער דייטשישע סקווערן;
עס פלאַטערט פאָראויס אייך — אין זון־שיין צעבליט —
דאָס האַרץ פון דער וועלט איבער כוואַליעס פון טרערן.

איצט טראָגן זיך רויכן פון פריצישע שטעט
און ס'שמעלצט זיך אין פלאַמען די „איבער־מענטש"־חיה;
פון מענטשלעכע בלוטן די חיה איז פעט, —
זאָל פייער פון רעכענונג איצטער כאָטש סטאַיען!

אַלע װעגן — צו בערלין

איבער װעגן לױפן װעגן
אין אַ פֿרײדיקן געװעט;
ס׳יאָגן דערפֿער זיך נאָך שטעטלעך
און נאָך שטעטלעך יאָגן שטעט;
ס׳האָט נאָך קײנמאָל ניט געפֿלאַקערט
און אַזױ האָט ניט געברענט:
אונטער שונא׳ס פֿיס דער באָדן
און די רױב — אין זײַנע הענט.

ס׳רופֿן שטעט מיט שטעט זיך איבער,
ס׳גײט אױף שליאַכן אַ געיעג:
װעלכער װעג װעט גיכער פֿירן
צו בערלין — אַ װעלכער װעג?
איבער װאַרשע, איבער קראָקע,
איבער קליעצק און בודאַפּעסט,
פֿירט דער האַס פֿון אַלע פֿעלקער
צו דער ברױנער שלאַנגען־נעסט.

ס׳בלאַנקען טױזנט שאַרפֿע קאָסעס
אין גערעכטער האַנט פֿון טױט,
נײן, ניט טױט, — דאָס סאַמע לעבן
פֿאַרבט דעם הימל איצטער רױט!
ס׳פֿרעגן טאָלן פֿון אײראָפּע
און מיט ענטפֿערס קלינגען בערג:
האָסט געכאַפּט דעם ברױנעם מאָנסטער, —
לאָז ניט אָפּ אים, שטיק און װערג!

ס'פרעגן פייגל ביי די וואָלקנס:
גרויע וואָלקנס, זאָגט וואוהין?
— ס'פלאַמט דער מזרח היים און בראַנדיק, —
ציען מיר זיך קיין בערלין . . .
ס'פרעגן ווינטן ביי די שאָטנס:
זאָגט אונז, שוואַרצע, זאָגט, וואוהין?
— ס'בלענדט דער פלאַמיקער באַגינען, —
מיר אַנטרינען קיין בערלין . . .

אוי, דו וויסטער קינדער־שלינגער,
גאוה דיינע — ווי זי קראַכט!
פון דער גרויסער ליכט אין מזרח
פלייצט אויף דיר די שוואַרצע נאַכט!
יאָגסט צוריק זיך אין די היילן,
ס'איז דיין סוף, ווי גיהנום, שוואַרץ!
ס'וועט דער שפּיז פון דין־וחשבון
באַלד דערלאַנגען אויך דיין האַרץ . . .

ס'פאַלן שטיקער פון דיין קערפּער,
ס'בלייבט נאָך דיר בלויז הורבעס אַש.
וואו וועסטו אַהינטאָן, רויבער,
פרעמדן האָב פון רויבער־טאַש?
וועלכער רהיין וועט בלוט פון קינדער
אָפּוואַשן פון דיינע הענט?
די פאַרקילטע רויטע פלעקן —
אויף די דורכגעשפּיזטע ווענט?

און מיט וועלכע שייטער־שריפות
און מיט וועלכן העליש פלאַם
וועסטו אויסטריקענען, מערדער,
מוטערס טרערן־פולן ים?
און מיט וועלכן רעש פאַרשטומען
וועסטו זקנ'ס לעצטן כליפּ?
און מיט וועלכן רויש פאַרטויבן —
לעצטן אויסהויך פון קינדס ליפּ?

ס'יאָגט דיך נאָך אַ וועלט אַ גאַנצע,
דיין רציחה יאָגט דיך נאָך:
יעדע שטאָט מיט אירע חורבות,
יעדעס שטעטל מיט איר בראָך . . .
יעדע כאַטע פירט איר חשבון,
יעדער שוועל — זיין אייגן דין,
ס'וועט די רויט־אַרמיי דערפירן
ס'גאַנצע צעטל ביז בערלין.

וואָלטן גילטן טויזנט טויטן —
וואָלסטו שטאַרבן זיי געמוזט:
פאַר דעם שוידער פון טרעבלינקע,
פאַר מאַידאַנעקס מאָרדן־לוסט;
וואָלסטו האָבן טויזנט לעבנס, —
דאַרפסטו שטאַרבן טויזנט מאָל:
פאַר די קולות ביז די הימלען
פון אייראָפּע'ס יאָמערטאָל . . .

ס'גלאַנצט אַראָפּ דער וועלט'ס גאולה
פון באַפרייערס שאַרפן שווערד,
פון זיין ביקס־רער שאַלט די צוקונפט
אַ צעהעלטע איבער ערד;
אין זיין רוק־זאַק טראָגט ער, צערטלט
פרייד־מתנות פאַר דער וועלט:
ליכט פון לויטערע באַגינענס,
מאַרש פון טעג — מיט גליק באַזעלט!

בערלין ברענט

ווינקל זיך, וויקל זיך, נעסט פון באַרבאַרן,
אין שוואַרצע תּכריכים פון רויך;
פּלאַצן אין קאָפּ זאָל דיין אויג איצט פון שטאַרן
מיט חיה׳שער שרעק אין דער הויך.

קנייטש זיך אין פּיינען און קני אין יסורים
ביים אויפשניט פון סקווערן, בערלין;
זאָל ביזן הימל דערגיין, ווי אַ טורעם,
די שטראָף פאַר דיין בלוטיקער זינד.

רוצח׳יש געשפּרייט האָסטו פלאַמיקע ים׳ען
אויף פרידלעכע וועגן פון וועלט;
הימל געוויינט האָט מיט מוטערס צוזאַמען,
די זון האָט איר פּנים פאַרשטעלט.

פלאַטערן איצטער די פלאַמיקע טיכער
און וויקלען אין רויכן דיין האַרץ;
גריסן די שטערן די לוסטיקע וויכערס,
וואָס טאַנצן אין נאַכטיקן שוואַרץ.

ס׳לאַכט די לבנה און ס׳צירט זיך איר פּנים
מיט רויט פון דיין שרפה׳יקער גאַס . . .
קיינער וועט דיך מיט קיין טרייסט ניט דערמאָנען —
ניט דיך, ניט דיין שמוציקן אַש.

מערץ, 1944.

צו היילן די וואונדן...

ניט קיין שטורעמס איז בייז דורכגעגאַנגען
איבער בליאיקער ערד פון דיין לאַנד,
און פאַרשניטן די גאָלדענע זאַנגען
מיט אַ בלוטיקער קאָסע אין האַנט;

ניט פון האָגלען די שפּיזיקע ריטער
האָבן פרוכט פון דיין אַרבעט צעשטערט, —
נאָר דער העסלעכער נאַצי־געוויטער
האָט מיט פייער צעבעזימט דיין ערד.

איז קיין היימישער שוועל ניט פאַרבליבן
און קיין גאָלדענער זאַנג אינם פעלד,
און קיין העמד איבער לייבער באַטריבטע,
און קיין שוך קעגן שנייאיקער קעלט . . .

איצטער טראָגט זיך דיין קול איבער ים'ען
ביז צו אונזער פאַרהיטענער טיר,
און ווייז איז צו די וואָס פאַרזאַמען
און גיבן קיין פינגער אַ ריר!

ווען אין קלעם פון נקמה דערוואָרגן
וועט זיך צאַפּלען דער העסלעכער פיינט, —
וועט צעלויכטן דיין זוניקער מאָרגן
אויף די אַשיקע חורבות פון היינט.

און ס'וועט ווידער דיין היים זיך צעבליען
אונטער פליגל פון האַמער און סערפּ;
און וועסט טראָגן אין האַרצן די פריידן,
ווי גאָלדענע זאַנגען אין קערב.

יאַנואַר, 1945.

דאָס לאַנד פונם ירדן

זאָל זיין, אַז קיין טרוימען האָב איך ניט געוועבט,
אָ, ירדן, פון כוואַליעס פון דיינע פאַרטרוימטע,
זאָל זיין, אַז פון דיר האָט מיין ליד ניט געשעפּט
קיין דיכטערשע פערזן מיט בענקשאַפט באַזוימטע;

זאָל זיין: בלויז אין קינדערשע אומרייפע יאָרן
געלאָקט האָט אויך מיך וועגן דיר די לעגענדע,
און ס'האָט פאַר די אויגן דער ביבלישער דור
געמיניעט מיט כשוף פון שטערן צעבלענדטע . . .

אין לאַנגע פאַרנאַכטן פון ווינטער און האַרבסט,
אין ענגע האַלב־טונקעלע ווענט פון חדרים,
ביי חלב'נע ליכט — האָט מיין אינגלשן מאַרך
געבלענדט נאָכאַנאַנד מיט קאָלירטע אוזאָרן.

דער אוראַלטער טראָט פון מיין פאָלק ביי דיין ברעג
באַגלייט האָט מ י י ן אומרייפן טראָט, ווי אַ צווילינג;
און ס'האָבן צוזאַמענגעפּאָרט אין מיין וועג:
דער פרי פון מיין פאָלק מיט מיין אייגענעם פרילינג...

כ'האָב לאַנג שוין מיין אייגענעם גורל פון איד
אין גורל־געוועבן פון לענדער פאַרפלאָכטן,
און ס'בליט אויך מיין אידישע האָפענונג־ליד
מיט זאַפט פון געראַנגל אין פעלקערשן גאָרטן.

אַז וואו האָט מיין פאָלק איבער צער'פולער ערד
די פאַקלען פון פרייהייט מיט שטאָלץ ניט געטראָגן?
און וואו נאָר אַ שלאַכט קעגן גורל פון קנעכט, —
צי האָבן די זין זיינע זיך ניט געשלאָגן?

ביים דניעסטער, דונאַי, ביי דער ווייסל און רהיין, —
מיין פאָלק האָט חלומות פון שלום געשפּונען;
נאָר אָפּט האָבן כוואַליעס פאַרנומען געוויין
און צער פון חלומות, וואָס זיינען צערונען . . .

נאָר מעכטיק דאָס פאָלק איז, וואָס וויל ניט פאַרגיין
און נאַרהאַפּט די זאַפט איז פון פאָלקישע קוואַלן;
פון שטערן־גלי — צאַרטער און האַרטער — פון שטיין:
פון טויזנט מאָל שטייגן און טויזנט מאָל פאַלן.

2

ווען ערגעץ־וואו אַנדערש געוואָרן איז ענג, —
געוועגדט אויך צו דיר זייער שפּאַן האָט זיך, ירדן;
די בלעטער געפאַלן איז זייער געביין
אויף באָדן אויף דיינעם פאַרשטיינערטן־האַרטן.

און ווייך זיינען פלאַכן געוואָרן און רייף
פון שווייסיקער מי און פון יוגנט צעקנאָטן;
און ס'האָבן זיך פליטים — פון האָפענונג געשטייפט —
געצויגן צו דיר פון דעם שונא'ס געשפּאָטן:

פון חורבות און שריפות, פון תליות און אַש, —
אַ מקלט געפינען אין דיינע געצעלטן;
מיט וואונדן אין האַרצן, מיט ברעקלעך אין טאַש,
אין אויגן — אַ פונק פון פאַרלאָשענע וועלטן . . .

עס האָבן זיך שוועסטער — נאָך רעטונג פון שאַנד —
צו דיר אויף די זעגלען פון האַרצן געלאָזן:
אוי, אפשר, אין צוויי־מאָל־שוין צוגעזאָגט לאַנד
איר בלוט וועט אויף הפקר ניט ווערן פאַרגאָסן.

ס'האָט אײנעם געצװיגן די ביבלישע ערד:
בײ אוראַלטע קברים זײן לעבן־קרײז שליסן;
אַ צװײטן — די יוגנט פֿאַרפֿלאַנצן פֿון ס'נײ,
װאָס ברודיקע הענט האָבן איבערגעריסן.

אַ דריטן — פֿאַרקניפּן האָט הײם זיך געבענקט
דעם פֿאָדים װאָס רוים האָט פֿאַרצײטנס צעשניטן:
אַז דאָס, װאָס דער עבר האָט לאַנג שױן פֿאַרשװענקט,
זאָל אױפֿשפּראָצן װידער אין טרײסטפֿולע בליטן . . .

3

צום װיפֿלטן מאָל האָט מײן פֿאָלק שױן באַפֿאַרבט
דײן שטראָם מיט זײן בלוט, אָ, פֿאַר'חלש'טער ירדן?
װילסט נאָכאַמאָל זען, װי מײן אוראַלט פֿאָלק שטאַרבט,
ניט קאָנענדיק מער זיך זײן גאולה דערװאַרטן?

ניט איצט װיל איך פֿירן אַ חשבון מיט דיר
פֿון דורות פֿאַרפֿלױגענע, טרױמען צעפֿליקטע;
עס פֿלאַטערט אַ רעשט פֿון מײן פֿאָלק בײ דײן טיר
פֿון פֿײנען געשטיקטע, פֿון װיכערס געװיגטע;

פֿון טױזנט קאָשמאַרן געטריבן פֿאָרױס,
פֿאַרפֿאָלגטע פֿון שאָטנס, װאָס שטאַרצן פֿון קברים, —
נאָר ס'קלאַמערט געמײן זיך בײם שװעל פֿון דײן הױז
דער „בריטישער לײב", װי אַ שלאַנג אױף אַ דאָרן.

און ס'פֿליסט פֿון זײן צונג בײזע שנאה, װי גיפֿט,
און ס'טריפֿט הײליק בלוט פֿון די רױבערשע נעגל . . .
און ס'ראַנגלט מײן ברודער זיך דאָרט, װי אַ שיף
אין שטורעם פֿון ים'ען אָן רודער, אָן זעגל . . .

אוי, ווער האָט געשטעלט אים אויף שאַנדפּולער וואַך
דעם שומר פון רויב־זאַק, ביים שלאָס פון דיין טויער?
ער מעסערט דיין רו אונטער שטערן פון נאַכט
און צינדט דיר אין טאָג־ליכט די קנויטן פון טרויער . . .

אין נאָזלעכער זיינע — די ריחות פון נאַפט,
אין אויגן — דער דורשטיקער גלי פון פאַרצוקן,
און רציחה'דיק צילט ער מיט שווערדיקן שאַרף
אין מיין ברודערס גע'ניצל'טן, פיינפולן רוקן . . .

4

פאַרנעמסטו ניט, ירדן, דעם דניעפּער־געזאַנג,
דאָס פרײדפולע ליד פון דער וואָלגע און בירע?
פאַרוואָס־זשע צעיאָגסט ניט דיין לאַנגזאַמען גאַנג
און הויבסט ניט דיין קול אויף אין מעכטיקער שירה,

וואָס האָט שוין ניט איינמאָל וואולקאַניש געהילכט
אין יום־טוב־טריאומף איבער דיינע דעספּאָטן
פון אשור און בבל, פון יון און רוים,
וואָס זיינען מיט שטויב פון געשיכטע פאַרשאָטן;

דאָס זיגרייכע ליד איבער קרוינען פון גוואַלד,
וואָס האָבן דיר אייביקן אומקום געשוואָרן, —
נאָר זיינען אַליין, ווי די שאָטנס פון וואַלד,
צערונען אויף רוישיקן שליאַך פון די יאָרן . . .

שמיד אויס איבער זיך יענעם גאָלדענעם בריק
פון אחדות־געדראַנג צווישן שכן און שכן,
און ווערן זאָל שנאה, וואָס האַלט דיך צעקריגט,
ווי שוימיקע כוואַליעס אין פעלזן — צעבראָכן.

און ווידער זאָל ברויזן דיין אוראַלטער קוואַל
מיט פרייהייט־דויש פון מאַקאַבייער־געזאַנגען;
אַ ליכטיק־באַפרייטער פון ווימטן שאַקאַל,
וואָס האַלט דיין פרימאָרגן אין קייטן געפאַנגען . . .

און דריקן די הענט זיך אין חבר׳שאַפט־בונד
זאָל ישמעאל און יעקב — צוויי זין אויף דיין באָדן,
אַז אויפהעלן זאָל אויף דיין איצטיקער וואונד
דיין מאָרגן מיט פרייד און מיט שלום באַלאָדן.

ביז איצט וויל איך פירן אַ חשבון מיט דיר,
אָ, ירדן, פון העלע חלומות צעפליקטע;
עס פלאַטערט אַ רעשט פון מיין פאָלק ביי דיין טיר
פון פיינען געדריקטע — נאָר קיינמאָל באַזיגטע . . .

.1948

כנרת און בירע

מיין האַרץ זינגט אַ ליד היינט
צו אייך אין דער ווייט;
מיט וואונדער באַזעגלט
איז שיף פון דער צייט.

מיין פאָלק האָט באַפּרוכפּערט
מיט שוויים פון זיין טרוים
אויף אייערע ברעגן
דאָס גרעזל און בוים.

און אייערע כוואַליעס
דערציילן אַ מעשה —
אַ זוניקן פאָדעם
ניט איבערצורייסן.

און איך, וואָס אָט דאָ האָב
מיט מיען געאַנקערט, —
כ׳זע אייערע מאָרגנס
צעליכטיקטע בלאַנקען.

די ים־טיפן וועלן
אייך מער ניט צעטיילן;
נאָר בינדן צוזאַמען,
פון אחדות דערציילן.

דער מדבר און טייגע
זיי וועלן אַנטרינען
פון מיזאַמער גבורה
אין נייעם באַגינען;

פון הענט אויסגעפּרוסטע,
פון שפּאַן אומגעצוימטן;
פון ליכטיקן חלום
אויף וואָר אויסגעטרוימטן.

איך זע שוין די מאָרגנס:
איר דריקט פעסט די הענט זיך,
און איינע מיט צווייטער —
ווי שוועסטער, איר בענטשט זיך.

און איך, וואָס געאַנקערט
האָב דאָ אין דער ווייט, —
איך בענטש איצט מיין ברודער
וואָס האָט אייך באַנייט . . .

1948.

נאָכן זיג

1

דער לעצטער סאָלדאַט
האָט דאָס שלאַכטפעלד פאַרלאָזן;
און אָפּשייד עס בויגן זיך
בלוט־רויטע גראָזן;

געזעגנענדיק זיך
די צווייגן זיך וויגן,
פון בוים דעם צעשאָסענעם
גרוסן זיי שיקן . . .

עס פליען פאַרטױבטע
די פייגל אין קרייזן
און זוכן אַ ברעקל
מיט וואָס זיך צו שפּייזן;

און זוכן אַ ווינקל —
אַ נעסט זיך צו בויען,
נאָר ציטערן אַלץ נאָך
דער ערד צו געטרויען:

די ערד איז פון טאַנקישע
ציינער צעביסן,
פון צער און פון בענקשאַפט
די לופט ווערט צעריסן:

די בענקשאַפט פון הויז־ווענט
נאָך היימישע קלאַנגען,
די בענקשאַפט פון דילן
נאָך שטוביקע גאַנגען . . .

די בענקשאַפט פון פענצטער
מיט טיף־שוואַרצע לעכער
צו ווערן מיט זון פול,
ווי פלאַמיקע בעכער...

פון דאָ און פון דאָרטן
געשלוכצן זיך הערן,
און ס׳הענגען פאַרקילטע
אויף ברעמען די טרערן...

עס קנייטשט זיך אויף ליפּן
אַ שמייכל אַ קרומער,
אין בליקן — אַן אָפּגלאַנץ
פון שריפות אַ שטומער...

פאַראַן איז אַ קבר,
וואָס קאָן זיך ניט שליסן,
און ס׳אָטעמט דער טויט
פון די וואונדיקע ריסן.

אַזויפיל פאַרשניטן
האָט נאַצישער מעסער,
אַז איין וויי פון צווייטן
איז פיינלעכער, גרעסער...

און יענע, וואָס זיינען
פון זין ניט אַרונטער,
זיי זיינען די עדות
פון עפּעס אַ וואונדער...

2

דער לעצטער סאָלדאַט
האָט פון קריג זיך געקערט,
נאָר ס'קרעכצט אונטער אים
די צעפייניקטע ערד.

און וואו נאָר זיין טראָט
גייט אַריין, גייט אַרויס, —
שפּאַנען שאָטנס נאָך אים
פון די קברים אַרויס...

און וואו נאָר זיין בליק
דרינגט אין ערגעץ אַריין, —
דאָרט לויערט אויף אים
אַ מצבה פון פּיין...

די פּיין רייסט מיט נעגל
דעם שלאָף פון זיין ברעם
און האַמערט אין שלייפן:
געדענק און פאַרנעם!

אין פיבער, וואָס צינדט אָן
זיין מאַרך און פאַרקילט, —
ער שטויסט, ווי מיט קוליעס,
אַ בילד נאָך אַ בילד...

אין שיין פון לבנה,
אין שיין פון די שטערן, —
עס שוועבן די שאָטנס
אויף כוואַליעס פון טרערן.

עס שוועבן די שאָטנס
פון נידער און הויך
און ווערן פאַרטראָגן
אין קנוילן פון רויך . . .

אָט לויכט פונם פייער
צו אים אין דער נאַכט
דער שטערן פון זיידן
אין תפילה פאַרטראַכט:

אויף פּלייצעס — דער יאָך,
צו די הימלען — די הענט,
די אויגן —
אין סופ'לאָזע ווייטן געווענדט . . .

אָט צאַפּלט אַרוים
אַזאַ לויטער געזיכט;
די ציטריקע הענט —
איבער צאַנקנדע ליכט;

דאָס צויבער־געשטאַלט
פון דער באָבען אין פלאַם:
געבויגן אין דרייען
מיט פרוכט פון איר שטאַם . . .

און אָט ציטערט אויף
אינם פלאַמען־געדריי
אַ זון און אַ טאָכטער —
געשמידטע אין וויי . . .

און אַמ טוט אַ ציטער
אַן עופּה'לע קליין:
דאָס קערפּערל — הויט,
און דאָס קעפּל — אַ ק ר ו י ן...

עס פלאַטערט אַ פאָלק
און אין פלאַם גייען אויס:
דריי דורות — קרבנות
אין רויכן־געברויז . . .

אָ, מאַרך, ניט צעגיס זיך,
צעשפּאַלט זיך ניט, קאָפּ!
אָ גיי ניט, דו מענטש,
פון דיין זינען אַראָפּ!

פאַרנעם און געדענק
איבער הונדערטער יאָר:
דעם חורבן פון פאָלק
און די פּיין פון אַ דור!

3

דער לעצטער סאָלדאַט
איז פון שלאַכטפעלד געקומען
מיט קללה צום שונא
באַהעפט צו זיין גומען.

מיט לידער פון זיג
און מיט ברכות אויף ליפּן
פאַר די, וועלכע זיינען
ביים לעבן געבליבן.

פאַר די, וועלכע האָבן
נאָך יאָרן פון פּיינען
דעריזען דורך די כמאַרעס
די שטערן, וואָס שײַנען.

אָט וועלן אַ בלי טאָן
די שטאָטישע ראָגן
מיט שײַן פון פאַרנאַכטן,
מיט בלוי פון פאַרטאָגן.

אָט וועלן זיך ווידער
צעררוישן די גאַסן
מיט מונטערע טריט,
מיט געלעכטער און שפּאַסן.

און ס׳וועלן אַפילו
די אוראַלטע וועלדער
אַ רויש טאָן אין ווינט
און אין זון אויף דער עלטער.

און ס׳וועלן די פעלדער
אַוועק אין געוועטן:
ווער — פריער מיט ברויט
וועט די זיגער פאַרבעטן?

און ס׳וועלן אַוועק
אין פאַרמעסטן די שייערס:
ווער — מער וועט דערלאַנגען
דער זעט אויף צושטייער?

4

נאָר וואו איז דער יום־טוב
און וואו איז די פרייד,
וואָס לאַנג האָט דעם העלדישן
זיגער פאַרגרייט?

ער דרייט זיך אַרום,
ווי אין דרויסן — דער וויכער,
נאָר קיינער פאַר אים
האָט קיין הײם ניט פאַרזיכערט.

די הענט, וועלכע האָבן
גראַנאַטן געשליידערט, —
זיי ווערן, ווי פרעמדע,
פון טירן דערווייטערט.

זיין האַרץ טוט מיט חידוש
און גאַל זיך אַ ראַנגל:
צי איז עס דערפאַר, וואָס זיין נאָמען
איז י אַ נ ק ל ?

צי גאָר ווייל זיין הויט איז,
ווי קופּער, פאַרברוינט?
און זיין קאָפּ איז מיט טונקעלע
קרויזן ב א ק ר ו י נ ט ?

ס׳האָט ווער מיט זיין בלוט,
ווי מיט ווײַנען, געהאַנדלט
און האָט עס אין שימער
פון גאָלדשטיק פאַרוואַנדלט . . .

פאַרביטן האָט איימעץ
אויף טריפה׳נער רו —
דעם שטורעם פון האַס
פון באַטאַן ביז אַטו...

נאָר דעם זיגער אין שלאכט
צוגעטיילט איז זיין שכר:
אַ ווינקל אַן ענגס
פאַר זיין רום און זיין צער...

ווי וואָלקנס פון רויך
און ווי שניי אונטער זונען, —
די נעכטיקע צוזאָגן
ווערן צערונען.

5

עס קלאָרט שוין דער טאָג,
נאָר עס גרויען פאַרנאַכטן;
עס ווייזט זיך די זון, —
נאָר עס שוועבן פאַרדאַכטן.

גייט אויף אַזאַ ציטער
אין זעלנערשע גלידער:
ער זאָל מער ניט דאַרפן
אַדורכגיין דאָס ווידער.

עס זאָלן די קברים,
די שטעט די פאַרוויסטע, —
ניט בלייבן פאַרשוועכטע,
ניט זיין קיין אומזיסטע.

עס זאָלן די קינדער,
וואָס קומען, ניט דאַרפן
אין גרויזאַמען פייער
פון שלאַכטפעלד זיך וואַרפן . . .

אַזויפיל פאַרשווענקט
האָט דער בלוטיקער רעגן, —
איז דאַרף מען נאָך צווייפלען,
איז דאַרף מען נאָך פרעגן?

פון וואַנען־זשע טראָגט זיך
דאָס גרילצן צום אויער
און מישט אוים מיט חוזק
דעם פיין און דעם טרויער?

און וועמענס געשפּאָט
איז מיט חוצפּה פאַרקראָכן
אין העלע געזאַנגען
פון אונזער נצחון?

אויב ס׳האָט אונזער שונא
זיין נאָרע געביטן, —
איז טויזנט מאָל שטאַרקער
די וואַך אויף צו היטן!

און וואו־נאָר זיין פוס־טראָט —
די ערד אונטערצינדן;
און וואו נאָר זיין שאָטן, —
אין קייטן אים בינדן!

אים קיינמאָל פֿאַרגעבן
און קיינמאָל פֿאַרשווייגן;
נאָר אייניק פֿאָרויסגיין
און מונטערדיק שטייגן:

פֿון יאָמער־טאָל טיפֿן
צו מענטשלעכע הייכן;
פֿון נאַכטיקן חושך —
די זון צו דערגרייכן.

עס זאָלן זיך פֿעלקער
אין אחדות באַגריסן
און קיינמאָל ניט זיין מער
דורך שנאה צעריסן.

און אויפֿגיין אויף וועלט
זאָל אַ גליקלעכער דור —
צו זען אונזער חלום
צעשטראַלט אויף דער וואָר.

און זען זאָל דער דור,
ווי אין ליד פֿון נצחון
עס ווערן די קייטן
פֿון קנעכטשאַפֿט צעבראָכן.

דערפֿילן זאָל מענטש
אינם נייעם באַגין:
אין שאַפֿן — אַ פֿרייד
און אין לעבן — אַ זין!

.1946

בײַ דעם פּאַסיפיק

לאָס אַנדזשעלעס — „די שטאָט פון מלאכים"

1

צווישן ים און צווישן מדבר,
צווישן ריזן־בערג און טאָלן, —
שרייט „די שטאָט פון די מלאכים":
קומט באַזינגען מיך, באַמאָלן . . .

כ'בין אַ ריז, וואָס האַלט אין וואַקסן,
כאָטש די אינגסטע צווישן שוועסטער,
און עס טראָגט זיך הויך מיין שפּילן
אין אַמעריקעס אָרקעסטער.

ס'האָט מיין באָדן לאַנג געדרעמלט
אַ באַוואַכטער פון „מאונט באלדי",
און געוועקט פון שלאָף מיך האָבן
בלויז קאַיאָטישע געוואַלדן.

ערגעץ האָט אַ לאַנד געבויט זיך,
ערגעץ האָט געזעצט אַ האַמער;
מיך — געהאַלטן האָט דער מדבר
אין זיין ברענענדיקן קלאַמער.

כ'האָב פאַרנומען טריט פון ווייטן,
איבער וועגן — אַ געראַנגל:
ס'האָט מיין הייסע ערד געשטורעמט
קעניג מעכטיקער פון האַנדל . . .

ס'האָבן גראָב־אייזנס, טראַקטאָרן,
אין מיין בויך זיך איינגעביסן;
שטיקערווייס פון מדבר־ציינער
האָט מען מיך אַרויסגעריסן.

פון אַן עופּה'ל אַ פאַרשלאָפנס, —
זעט, ווי רײף איך בין געוואָרן:
פון מײַן ברוסט ציטרינען־זאַפטן
קאָן איך שוין פּאַר לענדער שפּאָרן.

פון די טיפן מײַנע שלאָגן
פּעטע אול־קוואַלן אָן אױפהער,
און מײַן שפּע ווערט צעטראָגן
ווי פון אומגעצאַמטע זױפער . . .

2

פונדערווײַטן מיך דערקאָנט מען:
בערג פון בעווערלי אױף צפון,
און צופוסנס — דער פּאַסיפיק
אַ צעכוואַליעטער אָן סוף'ן.

אױפן מזרח ליגט דער מדבר
אין זײַן אומענדלעכן שווײַגן;
דורשטיק־מידע קאַקטוס־פלאַנצן
גריסן קוים אַ בױם אָן צווײַגן.

ווי פון קנאה אַ צעפלאַמטער
ברענט דער מדבר דורך די יאָרן:
איך — מיט וועגן בין באַגאַרטלט
איבער גערטנער, ווי קאַוויאָרן.

פּאַלמען טונקען אין די הימלען
קעפּ פּאַרריסענע און שטרענגע,
און אױף זײערע שלאַנקע טאַליעס
צווײַגן־לענטעס שטויביק הענגען.

מײַנע הײַזער אין די בערגלעך
קלעפּן זיך, ווי פײגל־נעסטן;
און אַרױפצו קריכן שטעגן,
ווי די שלאַנגען, אין פאַרמעסטן.

זומערס קומען און פֿאַרגייען —
מיינע בערג נאָר גאָרנישט ענדערט;
און די קעפּ, די שניי־באַדעקטע,
לויכטן העלער פֿון לעגענדעס.

איבער מיינע ברייטע גאַסן
אינם אימפּעט־לויף פֿון זאָרגן, —
קלינגען זאַפֿטיקע „אַדיאָסן!"
און אַ היימישער „גוט־מאָרגן" . . .

אויפֿן אָרט פֿון מדבר־פּלאַנצן —
שטאָל־געפֿלאָכטענע געביידעס,
און ביינאַכט — אין ליכט־געוועטן —
שילדן בלענדן מיך, ווי שייטערס.

3

קומט, פּאָעטן, און באַזינגט מיך!
מאָלט די פֿאַרבן מיינע, מאָלער!
כ'בין די אינגסטע צווישן שוועסטער, —
אַ פֿול־בלוטיק־רייפֿע כלה.

ס'איז מיין שפֿע — ניט צו מעסטן,
און מיין רייכטום ניט צו וועגן.
נאָר אויך וואונדן, ווי די דערנער,
הויט און פֿלייש מיינע באַדעקן.

ביי דער זייט פֿון ים־ראַמאַנטיק, —
זעט די שטאָלצע שיף־געבויען!
זעט די עראָפּלאַן־בוי אָדלערס
אין די הימלען מיינע בלויע!

איך — געבאָרענע אַם שפּעטסטן —
האָב פֿאַראייגנט אַלע תּורות:
כ'האָב דערוואָרבן אין איין הונדערט
וואָס די אַנדערע — אין דורות . . .

ווי קאַוויאָרן, זייַנען יאָרן
דאָ פּאַר יענע, וועלכע רוען, —
ניט פון זייער מי צעוואָקסן
זייַנען שפּע'דיק געבוירען;

ניט אין זייער שווייס צעשמאָלצן
ליגן מייַנע מדבר־קייטן;
און ניט זיי באַקרוינט מיך האָבן
מיט די רייַפסטע בלומען־בייטן.

הינטער שימער־בלענד פון שילדן,
הינטער גלאַנץ פון ים־רעזאָרטן, —
שלאָגט דער פּולס פון הענט געניטע
מיטן גראָב־אייַזן אין גאָרטן;

קלאַפּט דער ריטם גיך, אָנ'סופ'יק,
פון די רווישיקע מאָטאָרן,
און, ווי שטויבן, ווערן לעבנס
אין דעם וויכער־רוויש פאַרלאָרן...

הינטער שוי־פּענצטער באַפּוצטע
שפּאַן איך אייַנזאַם אָן אַ מאַסקע
און עם זייַנען שווייסן־טראָפּנס
מייַנע דימענטן, וואָס בליאַסקען...

(ס'איז דער ברייטער פרייער דרויסן
אָפּט אַ גלאָז־געשלייפטע פלאַסקע...)

ס'איז דער טוי אויף גרינע גראָזן
און די טראָפּנס אויף די בלעטער, —
טרערן לויטערע פון טרוימען,
וועלכע ווערן דאָ צעשמעטערט...

4

ס'קלינגט מייַן נאָמען איבער ווייטן,
ווי אַ צויבער־גלאָק — „מלאכים";
ס'רויטלט זיך פאַרנאַכט מייַן פּנים
פון די ניט־פאַרדינטע שבחים.

ניט איין טייוול שפּאַנט געמיטלעך
איבער מיינע גראָז־קאַוויאָרן;
ס'פלאַמט מיין זון דערפאַר אין שקיעה
און מיין מערב פלאַמט אין צאָרן...

מיט מיין גלאָז־אויג אויף באַרג ווילסאָן
זע איך יעדן שטערן־ציטער, —
נאָר די וואונדן אויף מיין קערפּער
זעען זעלטן מיינע היטער...

ס'וואַרטן מיינע בערג געדולדיק
אונטער שניי־באַדעקטע קרוינען:
אויף אַ טאָג אין מיינע טאָלן,
וואָס זאָל מ י מיט פרייד באַלוינען.

אַז אויף אַלעמאָל שוין ווערט זיין
כ'זאָל מיין אומבאַפלעקטן נאָמען;
און דעם היינט זאָל פאַר מיין מאָרגן
שווער זיין, שווער זיין, צו דערקאָנען...

(נאָר אין מעשה־ביכלעך זאָל מען
פאַר די שול־קינדער דערמאָנען...)

* * *

קומט, פּאָעטן, און באַזינגט מיך,
מאָלט די פאַרבן מיינע, מאָלער!
כ'שטיי פאַר צוקונפט־טעג אַ גרייטע,
אַ פול־בלוטיק־דרייסע כ ל ה...

.1946

לאָס אַנדזשעלעס

דו האָסט מיך מיט לויטערע הימלען געצויגן,
געלאָקט פונדערווייטן מיט זוניקע טעג;
האָב איך, ווי אַ אינגל, מיט פריידיקע אויגן
געלאָזט זיך צו דיר מיט מיין גאַנצן פאַרמעג:

אַ דריי צענדליק שנייאיק צעפּאַטלטע ווינטערס,
אין קאָפּ אין פאַרטראַכטן — אַ וואונדיקן שניט;
און ס'האָבן באַגלייט מיך: אַ פרוי און צוויי קינדער
און ערגעץ אין האַרצן אַ שפּרודלדיק ליד . . .

און דו'סט אונז באַגעגנט מיט זאַפט פון ציטרינען,
מיט שנייאיקע היטלען אויף באַרגיקע קעפּ;
מיט פייגל־געצוויטשער אין קילן באַגינען,
מיט כוואַליעס, ווי ווילדע, צעפלאָכטענע צעפּ.

ביי פראַצע — אין טאָג־ליכט, חברים — אין אָוונט, —
צעבליט זיך אַ פריינטשאַפט אַרום און אַרום;
און ביסט מיר געוואָרן, אָ שטאָט, אַזוי נאָענט
און ליב איז געוואָרן דיין גרעזל און בלום.

און דאָ פונדאָסניי האָט די פליגל צענומען
און ס'האָט זיך צעפלאַטערט נאָך רייפער מיין ליד . . .
איז ווער ס'האָט אַ ביקס קעגן קעגן שונא גענומען, —
און איך — דאָס „נקמה ליד" האַמער און שמיד!

דורך דיינע צעעפנטע, פריינטלעכע טירן
זיך ציען צו פראָנטן די וועגן צום ים;
און העלדישע זין דיינע לאָדן און פירן
דיין שפע — צו פריינט, נאָר צום שונא — דיין פלאַם.

צושטייער די שלאַכטן — דערלאַנגסטו די שיפן
און שענקסט פון די קוואַלן די שפע פון אויל;
און לופט־שיפן שיקסטו אין הימלשע טיפן,
וואָס האָגלען אויף שונא מיט פלאַמיקן גרויל . . .

און ווען ס׳וועט אַ בליץ טאָן דער העלער פרימאָרגן
מיט גרוסן פון שלום, מיט אָנזאָג פון זיג;
און נאַצישער מאָנסטער וועט ליגן דערוואָרגן
אין רויכיקער נעץ פון צעצונדענעם קריג, —

וועט לויכטן אויך דיין נאָמען, שטאָט מיין באַזונטע,
אויף זיגרייכער פאָן פאַר צושטייער דער שלאַכט;
און שטאָלץ וועלן זין דיינע שפאַנען און מונטער
אויף גאַסן פאַרפלייצטע מיט זוניקער פראַכט!

אַפּריל 10, 1944.

אַריבער דעם גאָלדענעם בריק

פון לענדער ד ע ר ה ו י ב ע נ ע קומען שלוחים —
די פוס־טריט געטונקטע אין רויכן פון קריג;
זיי שפּאַנען צום הייליקן היכל פון שלום
אַריבער דעם גאָלדענעם בריק . . .

וואָס ברענגט איר, שטאַפּעטן פון פרידלעכע פעלקער,
און ווער איבער ים האָט אַהער אייך געשיקט?
מיר ברענגען די שאָטנס פון נאַכטיקע גרוילן
אַריבער דעם גאָלדענעם בריק . . .

דער חורבן פון לענדער אין אונזערע הערצער;
דער אומקום פון דורות אין נעפּל פון בליק;
מיר ברענגען דעם צער פון אַ וועלט, וואָס דערלייזט זיך,
אַריבער דעם גאָלדענעם בריק . . .

דאָס אויג, דאָס פאַרטערטע געצילט איז פון ווייטן
און האַרץ פון דער וועלט איז צו אונז היינט געווענדט;
צום לויטערן הימל פון פרידלעכן מאָרגן
עס רייסט זיך די ערד מיט צעבלוטיקטע הענט . . .

עס פלאַטערט דער פרילינג ביים גאָלדענעם טויער,
ס'קלאַפּט אָן דער פרימאָרגן אין טיר פון דער וועלט;
די ערד — אַ פאַרפלייצטע אין מבול פון טרויער —
וויל ווערן מיט זונען פון שלום באַהעלט.

צעעפנט די טויערן! ברייטער — די טירן!
די האָפנונג פון פעלקער פאַרנעמט זיך אַהער;
פון דאַנען אויף שליאַכן פון זיבערן פרידן
די שיף פון דער וועלט זאָל זיך געבן אַ קער!

.1945

שטאָם

ווי די זון גייט אויף דיין פּנים, מאַמע

אין הימל שווימען וואָלקנדלעך פון וואָל —
און מעשה׳לעך דערצייל איך מיינע קינדער
פון ווייטן און פאַרשוואָומענעם אַמאָל,
ווען איך בין אַלט געווען, ווי זיי אַצינדער.

זיי עפענען פאַר׳חידוש׳טע דאָס מויל
און ס׳גאַפן שטוינענדיקע אויגן:
עס איז דאָך כישוף׳דיק און וואויל
צו ווערן ווייט אַזוי פאַרפלויגן.

מיט יעדן וואָרט דערנענטערט זיך די ווייט,
מיט יעדן קלאַנג צעצינדן זיך די בליקן, —
אָן אויפהער וואַרף איך מונטערדיק־פאַרשייט
צום נעכטן שטראַלנדיקע בריקן.

און איבער זיי דאָס האַרץ, ווי אויף אַ גליטש,
דורך נעכטנס יאָגט, ווי דורך צעפּראַלטע טירן;
אין אייגעלעך צעפלעמלט זיך אַ היץ
וואָס מאָנט און טענה׳ט: ווייטער פירן . . .

איך צויבער אויס אַ בריקל נאָך אַ בריק
אַריבער ים׳ען, גרעניצן און וועלדער;
און הערצער יונגינקע איך פיר צוריק
צום שטעטל פון מיין קינדהייט דער פאַרוועלקטער.

און איך בין גאָרניט שוין מיין עלטער מער, —
איך פלעכט זיך איין אין שפּיל מיט זיי צוזאַמען;
און אין אַ העלער קינדערישער טרער,
ווי זון, גייט אויף — דיין מילדער פּנים, מאַמע.

איך שייל אַראָפּ, ווי קאָרע פון אַ בוים,
די צענדליקע געבורטס־טעג פון מיין עלטער;
און ס'טוט אַ בלענד, ווי כוואַליעדיקער שוים
ביים ברעג פון ים, מיין קינדהייט די אַנטפלעקטע.

און אויב איך בין אַ כוואַליע בלויז געווען, —
ביסטו געווען דער ים דער ברייטער, מאַמע;
און האָסט אין זיכערע, אין דיינע הענט
פאַרהיט מיך, ווי אַ שטרויעלע, פון פלאַמען.

און ניט פון מיר דערציילן איך באַדאַרף,
נאָר וועגן קינדער זעקס און נאָר איין ליבע;
און האָט זיך נויט פאַרמאָסטן מיט איר שאַרף, —
ביסטו אַרויס פון דעם פאַרמעסט דער גבור.

דו האָסט מיט אונז אַדורכגעקרייצט דעם ים
און שוין דערוואַקסענע געבראַכט צום טאַטן;
און ס'האָט קיין איינציק צווייגל פון דיין שטאַם
ניט אויסגעפעלט אין וועג און ניט פאַרראַטן...

צו מיינע קינדער

דער פייגן־בוים אויף אונזער הויף
פאַרלירט אין האַרבסט די בלעטער;
נאָר איר — מיט יעדן האַרבסט — אַרויף,
ווי פרילינג־טרוימען, קלעטערט.

אין ווינטער־נעפּלען נאַקעט, פּויל
עס שטומען לאַנג די צווייגן;
נאָר איר — די ווערטער אינם מויל
זיי לאָזן אייך ניט שווייגן.

איך מעסט אייך מיט מיין פּאָטער־בליק
און גאַף מיר אַ דערפרייטער:
אָט, דאַכט זיך, ערשט אַרוים פון וויג
און היינט — צו פליען גרייטע.

(מיט יעדן זמן איר וואַרפט פון זיך
די קליידלעך און די הויזן;
אויף אַרנ׳ס באַקן בליט שוין פוך,
אויף שיינדל׳ס בליען רויזן . . .)

דער עפּל־בוים שוין אין אַפּריל
צעלאָזט די יונגע קנאָספּן . . .
דאָס לעבן איז דאָך ניט קיין שפּיל
און ס׳גייט ניט בלויז אין קאָסטן:

נאָך גרויען ווינטער קומען וועט
אַ פרילינג אַ געזונטער,
און אויסקערן וועט ער די שטעט
פון אויבן ביז אַרונטער.

עס איז די פּרוכט, וואָס צייטיקט, רייפט,
וואָס צאָלט פאַר אַלע מיען;
מיט אמת — קינדער — זייט געשטייפט
שוין איצט — אין אייער בליען.

צו פליען הויך אין בלויען רוים
באַדאַרף מען שטאַרקע פליגל . . .
דער שקר איז, ווי וואַסער־שוים,
דער אמת, ווי אַ זיגל.

צו גרייכן זיכער ביזן ברעג
קען נאָר דער בראַווער שווימער . . .
די גאווה פירט אַראָפּ פון וועג
מיט פאַלשן גלאַנץ און שימער.

און אויב ס'איז גאַנג פון רו באַרויבט,
מיט שטיינער אָנגעשאָטן, —
עס ציטערט ניט אַ האַרץ, וואָס גלויבט:
עס איז פון שטאָל געקנאָטן.

און אָנטאָן וועט זיך אונזער בוים
מיט טויזנט גרינע בלעטער;
און איר זאָלט, ווי אַ פרילינג־טרוים,
נאָך העכער טאָן אַ קלעטער. . .

האַרבסט, 1949.

קינדער מיינע

קינדער מיינע, ווערט אַנטשוויגן,
לאָזט די שפּילצייג רואיק ליגן,
זעצט זיך לעבן מיר און הערט...
אַרן, פּיסלעך שאָקל מער ניט!
שיינדל, אָט אַזוי... און שטער ניט!
זעט, אין דרויסן טונקל ווערט...

אַ בעלנות פון אַ אינגל:
האַלט אין דרייען מיטן צינגל,
שיט מיט ווערטער, ווי מיט באָב;
און העזיות מאַכט ער ווילדע
און מיט עפּעס דאָרטן צילט ער
און וויל טרעפן גלייך אין טאָפּ...

שאַ, זי וויינט שוין, מיידל מיינע!
קום אַהערצו, ביסט אַ פיינע,
ס'האָט דיך טאַטע אַזוי ליב...
ווי אַ פּאַלמע זאָלסטו וואַקסן!
ס'איז דיין ברודער אַזאַ עקשן...
גיב דיין הענטעלע מיר, גיב..

מאַך די ראַדיאָ צו ר' אַרן!
שרעק־געפילדער פון געפאַרן
האָסט געגנוג זיך אָנגעהערט...
שיינדל, שטיפערקע דו, מיידל,
ווערסט צערייסן דאָך דיין קליידל,
קריך אַרונטער אויף דער ערד!

ווי אַ מאַלפּע נאָר עס קלעטערט
אויף די צווייגן צווישן בלעטער
אין דער הויך אין פייגן־בוים...
קריך אַרונטער, מאַך עס גיכער,
ווילדער ווינט, דו, מאַראַוויכער,
כ'וועל דיר אָנטאָן באַלד אַ צוים...

אָט איז „טאַטע"! באַלד איז „מאַמע"! —
אַ געוויין פון צווײ צוזאַמען
און אַ לויף און באַלד אַ שפּרונג...
וואו געוויין? — ס'איז אַ געלעכטער
און אַ שטורעמל אַ רעכטער
מיט אַ טאַנץ און מיט אַ זונג...

* * *

קינדער מיינע, מיינע שטערן,
זאָל פון מיר קיין טאַטע ווערן
אויב איר זייט מיר היים ניט ליב...
פון מיין אומרו, פון מיין מיען,
פון מיין פיבערן און גליען
וואוילזיין אייערן איך גיב...

קינדער מיינע, צאַרטע טויבן,
כ'האָב פון גאָרנישט אייך דערהויבן
צו דעם וואונדער־שטאַפּל — מ ע נ ט ש.
איצטער פלאַטערט איר אויף פליגל
אינם לעבנס וואונדער־שפּיגל
און פאַרגאַפט איך שטיי און בענטש...

אוי, פון וואַנען — ווילט איר וויסן —
האָט איר זיך אַרויסגעריסן
און דערטראָגן זיך אַהער?
אַך, עס זיינען טיפע סודות,
טאַטע־מאַמע זיינען עדות,
אויסצוזאָגן איז פאַרווערט...

נאָר פאַר אייך ווער איך אַנטדעקן
ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיך שרעקן, —
באַלד דערצייל איך אייך דעם סוד:
וואו האָט איר זיך אויפגעהאַלטן
אין פאַרשידענע געשטאַלטן
און מיט וועמענס ליבן גנאָד...

ווען די מאַמע האָט פאַרקוקט זיך
אין אַ שטערנדל, וואָס טוקט זיך
אין דעם הימלדיקן בלוי, —
האָט איר דאַן דורך אירע אויגן
שטיקלעך בלוי אַריינגעזויגן
און פאַרשיכורט זי אַזוי...

און אין יעדן מאַמעס שמייכל
זייט איר שטיל, ווי אין אַ היכל,
אויפגעגאַנגען אין געבעט...
און מיט יעדן בויג פון גלידער
האָט זי מיט אַ ליבע־ציטער
אייך געצערטלט און געגלעט...

* * *

קינדער מיינע, צאַרטע טויבן,
פונקען העלע פון מיין גלויבן,
פרוכטן יונגע פון מיין לעבן . . .
פון די גלידער מיינע שטייפע,
פון די יאָרן מיינע רייפע
האָב איך אייך דער וועלט געגעבן . . .

פון מיין בלוט און מיינע זאַפטן,
פון מיין אומרו און מיין בענקען
זייט איר זוניק אויפגעגאַנגען.
מיך, פון וואונדער אַ פאַרגאַפטן,
פון דעם אויפבלי אַ דערשטוינטן, —
האָט איר טרוימענדיק געפאַנגען . . .

האָבן קעפּעלעך צעוויגט זיך
איבער אַלע מיינע הימלען
און די וואָלקנדלעך צעטריבן . . .
מיטן נעכטן כ'האָב צעקריגט זיך
און צעלופטערט אַלטע שימלען
און די פרייד אין האַרץ געקליבן . . .

האָבן גלעקלעך זיך צעקלונגען . . .
ניט קיין גלעקלעך — קינדער־שטימען,
זיסע וויניקע געזאַנגען;
דעם אַרום אַדורכגעדרונגען
און מיט שטראַלנדיקע קלאַנגען
מיין געפּלעפּטן קאָפּ געפאַנגען . . .

ערשטע מאַ און פאַ פון ליפּן,
ערשטע אויפגעכאַפּטע קלאַנגען,
ערשטע העל־צעבליטע זילבן...
ערשטע לויטערע געדאַנקען
דורכגעזייטע, ווי דורך זיפּן,
קוים דערהערבאַרע, ווי מילבן...

ערשטע צווייפלהאַפטע טריטלעך,
מיט די קורץ־צעקרימטע פיסלעך...
אומ׳ברחמנותדיקע דילן!
ווי קאָן זיין דאָס האַרץ געמיטלעך:
אָט די פוכקע־פּעטע קישלעך
מיט די ציינער ניט דערפילן!

אוי, דאָס אומגעריכטע פאַלן
און דאָס אויפשטעלן זיך ווידער —
הענט, ווי זעגלען, אויסגעשפּרייטע...
קולות שאַלן, אויגן שטראַלן,
אַזאַ אויסברוך פון געוויטער
און פאַר נייע קונצן גרייטע!

* * *

וואַו־זשע האַלט איך? הערט אַ מעשה!
כ׳וועל די הויט אויף זיך צערייסן
פון מיין דיכטערשן פאַרדראָס:
אָנגעפּאַקט אַזויפיל זייטן
פון אַצינד און פון פאַרצייטן
און פון אָנהויב נאָך קיין אות...

איך פאָר צו דער מאַמען

משהן, מיין ברודער, **אַ מתנה.**

1

דרייט געשווינד זיך, באַנען־רעדער,
גיכער יאָגט זיך איבער רעלסן,
שלינגט די מיילן און דערטראָגט מיך
צו דער מאַמען—וואָס אַמשנעלסטן.

ס׳קלינגען גרופן אין מיין אויער,
קושן הייסע אויף די ליפּן,
און אין האַרץ אַ מאָדנע בענקשאַפט,
וואָס האָט יאָרן זיך געקליבן.

ס׳איז אַ בריוו פון איר געקומען
מילד און לויטער קלאָר פאַרשריבן:
„ס׳האָט דאָס לעבן מיינע קינדער
אין די ווייטקייטן פאַרטריבן;

ס׳רוקט זיך אָן אויף מיר די עלטער,
ס׳איז שוין צייט מען זאָל זיך טרעפן...״
האָט אַ בענקשאַפט אין מיין האַרצן,
ווי אַ קנאָספּ זיך אויפגעעפנט.

ס׳פאָרט אין באַן מיט מיר מיין ברודער;
ס׳בינדט אַזויפיל אונז צוזאַמען, —
ס׳ציט אונזביידן, ווי די צווייגן,
צו די אַלטע, טיפע שטאַמען.

ווי עס ציט די יונגע פייגל
צו די ווייכע פעדער־נעסטן, —
האָט אַ צי אויך אונז געגעבן
צו דעם אוצר צו דעם גרעסטן...

וואָס־זשע שווייגסטו, ברודער לעבן?
לאָמיר אויסטרינקען „לחיים!"
פֿאַר דער אַלטער, גוטער מאַמען,
פֿאַר אַ גוטן יאָר אַ נייעם.

פֿול איז האַרץ אַריבער ברעגן —
און מיין ברודער הויבט אַ כּוסה:
אַז לחיים — איז לחיים!
מאַך איך ליטוויש שוין — „לעמויסע"!

און די באַן — זי שלינגט די מיילן
איבער קאַליפֿאָרניער סטעפּעס,
און מיר קוקן דורך די שויבן
און דערמאָנען זיך אָן עפּעס . . .

2

און פֿון טיפֿן פֿון געהיימע
ברויזן אויף, ווי פֿרישע קוואַלן,
ווייטע, לויטערע זכרונות
און, ווי כוואַליעס, אונז באַפֿאַלן.

בינדן אויף זיך אַלטע קנופּן,
ווערן לויזער שטייפֿע צינגער,
און דער נעכטן גייט פֿאַרביי אונז —
אָנצורירן מיט די פֿינגער . . .

ווייטע גרעניצן פֿאַרשווינדן
און מיר ווערן גאָר פֿאַרטראָגן
צו אַ שטעטעלע בערעזין —
ביי אַ טייכעלע פֿאַרשלאָגן.

און מיר בלאָנדזשען דורך די געסלעך
און באַטראַכטן יעדן ווינקל;
מיטאַמאָל מיט טויזנט חנ'ען
די בעריאָזע טוט אַ פינקל.

שטייען לאַנג מיר ביי די ברעגן,
ווי פאַר'כשופ'טע געפאַנגען;
און, ווי שניי אויף הייסע קוילן,
ווערן דרייסיק יאָר צעגאַנגען.

הערסט אַ מורמל פון די כוואַליעס? —
ס'זינגט אַזוי נאָר די בעריאָזע;
אין מיין בלוט האָט זי געפּליעסקעט
זינט איך האָב זי דאָ פאַרלאָזן...

וויפיל טייכן, וויפיל שטראָמען
דורכגעקרייצט און דורכגעשוואומען, —
נאָר פון קיינעם ז'ניט געבליבן
אַזאַ בענקשאַפט אויפן גומען.

כ'בין זיך מודה, ברודער־לעבן,
אין אַזעלכע טעג פון זאָרגן:
ווען זי קומט נאָר אויפן זינען
טוט מיר פעסט אַ דריק ביים גאָרגל...

ווי אַ מאַמעס האַנט געצערטלט
האָט זי דאַן די יונגע גלידער,
און אין אויער אָנגעטרויט האָט
אַלע אירע טייבן־לידער.

3

זומער־לעבן — אויף די לאָדקעס,
און אויף גליטשערס — דורכן ווינטער;
און פון פראָסט די באַקן פלעגן
ברענען הייסער און געזינטער.

ביי די רייכע אינגלעך האָבן
גליטשערס שטאָלענע געפינקלט;
נאָר ביי אונז — אַ שטיקל העלצל
מיט אַ דראָט אַרומגערינגלט . . .

ס׳האָבן ווינטן דאָך אַזויפיל
מיטגעשטופּט מיט אונז אויף וועגן,
און אַזויפיל שנייען פּוכקע
דורכגעפלאַטערט אונז אַנטקעגן, —

נאָר ביז היינט איז פאָרט פאַרבליבן
טערפּקער טעם פון יענע ווינטן,
וועלכע האָבן אונז צעפּאָכעט,
ווי אַ וועלדל אַ צעגרינטן . . .

און אין האַרצן שוועבט אַרום נאָך
יענער פלאַטער פון די שנייען,
וועלכע פלעגן זיך פאַרמעסטן
ערד און הימל איבערדרייען . . .

אוי, וואָס שלעפּט דער באַן זיך לאַנגזאַם
ווי אַ קליאַטשע, ווי אַ פּגר,
און ווי לאַנג נאָך איבער וויסטעס
וועט ער שלעפּן זיך, אַ שטייגער?

איז „לחיים!" ברודער־לעבן!
— און אַ כוסה קושט אַ כוסה, —
זאָגט ער: חיים'ל, לחיים!
מאַך איך — שמייכלענדיק — לעמויסע!

און דעם פּריצ'ס הויף געדענקסט דאָך?
צי געדענקט זיך? — נו, אודאי!
הויכע פֿאַרקאַנעס אַרומעט
און פֿון בייזע הינט אַ סטאַדע.

אין די אָוונטדיקע שעה'ען
אונטער שאָטנס פֿון קאַשטאַנען
פֿלעגט די יוגנט אַ פֿאַרבענקטע,
אַ פֿאַר'חלומ'טע דאָרט שפּאַנען.

שפּאַנען אומרואיק אָן אויפֿהער
און נאָך עפּעס זיך פֿאַרבענקען —
וואָס זאָל פֿרייד איר אויף אַן אמת
אין די ענגע געסלעך שענקען...

הינטער יענעם הויף געבליט האָט
פֿאָרט אַ שטיקעלע גן־עדן,
וואו אַ פּאָרל אַ פֿאַרליבטעס
האָט אַ נאַש געטאָן פֿון פֿריידן.

(ווען עס האָבן די סאָוועטן
זיך נאָר איינגעאָרדנט דאָרטן,
האָבן זיי אין פּריצ'ס פּאַלאַץ
איינגעשטעלט אַ קינדער־גאָרטן.)

5

ניט קיין שניי און ניט קיין גליטשערס, —
ס'האָט דער טייך זיך פריי צעלאָזן:
שווימען קריעס — ווייסע בערן —
שוועבן וואָלקנס — ווייסע האָזן...

אוי, ביסטו געווען אַ מזיק,
ברודער לעבן, יענע יאָרן;
פלעגסט אויף יענע בערן־קריעס
קונציק־פלינק און שרעקלאָז פאָרן.

און זיך אויסלאַכן גוטמוטיק
פון די מוסר־רייד פון אידן,
וואָס ביים ברעג האָבן געטומלט,
ווי אויף מאַרקישע יאַרידן.

ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט פסח
און דער ווינט האָט האַריץ פאַר'שכור'ט,
פרילינג־זון אין מילדן דרויסן
האָט פון אונז געריסן שטיקער...

ס'פלעגן בלוטן אינגליש־טערפקע
אימפעדיקער זיך צעזינגען,
אַזש געוואָלט האָט זיך אַ פלי טאָן,
פון דער הויט אַרויסצושפּרינגען...

אויסגעטשוכעט פונם ווינטער —
עפנט שטעטל אויף די אויגן:
איבער אַלטע ווינטער־זאָרגן
ווערט אַ גרינע הויט פאַרצויגן.

נאָר דערוויילע ליגט דאָס שטעטל
אַ צעבראָסטעטע אין בלאָטע
און מען שפּאַנט אויף טראָטואַרן,
ווי אַן אַקראָבאַט אויף דראָטן.

* * *

ס'גייען אונז פאַרביי די געסלעך
אי באַזונדער, אי צוזאַמען:
ס'האָבן דאָ פאַרטיפט געוואָרצלט
אונזערע געזונטע שטאַמען.

און עס קלינגט דאָך, ווי אַ מעשה,
וואָס איז קיינמאָל ניט צערונען:
ס'האָבן דורות דאָ אין שטעטל
זייער קיום לאַנג געשפּונען.

ווי דער שטראָם פון דער בעריאָזע
זיינען יאָרן דאָ געפלאָסן;
און דער צער פון שטעטל-יידן
האָט אין שטראָם זיך אויסגעגאָסן...

ס'האָבן געסעלעך צעקרימטע
אויפגעטויכט אין מיין זכרון;
און געמיינט האָב איך, אַז לאַנג שוין
כ'האָב אין עבר זיי פאַרלאָרן...

איז ל„חיים!" ברודער-לעבן!
— און אַ כוסה קושט אַ כוסה, —
זאָגט ער, ברודערל, לחיים!
מאַך איך, שמייכלענדיק: לעמויסע!

* * *

שטעטל מײנס, צו דײַן אומעט
האָט מײַן קינדהײט זיך געטוליעט,
װי אַ פֿױגל צו זײַן בױם־נעסט
װען דער פֿײַכטער האַרבסט־װינט הוליעט.

אין דײַן שױס האָט מאַמע מײַנע
אױפֿגעבױט איר נעסט איר בידנעם,
און זעקס קינדער צו באַשירמען
אירע יונגע יאָר געװידמעט.

און דורך אַלערלײ געװיטערס
האָט זי איבער אונז געציטערט;
װי אַ פּאַסטושקע איר סטאַדע,
אונז מיט זאָרג געטרײַ געפּיטערט.

ס'איז צו קלײן געװען דער טאָג איר,
און צו גרױס — די נאַכט די שטומע;
נאָר איר װײכן גלי פֿון אױגן
האָט די זאָרג ניט צוגענומען.

ס'האָבן אונז, װי צױבער־זונען,
אירע בליקן אָנגעװאַרעמט;
און געשענקט אונז רו און פֿרידן,
װען דער דרױסן האָט געליאַרעמט...

װעלכער װאונדער־קװאַל גענערט האָט
איר געדולד און איר געדױער?
ס'האָט געדאַכט זיך: ניט קײן מאַמע, —
נאָר אַ פֿעסטונג שטײט, אַ מױער...

ווי אַ ריטשקע איז געפֿלאָסן
בענקשאַפֿט אירע איבער לענדער
ביז די ברעגן מיסיסיפּי׳ער, —
בויגנס, בויגנס — דיקע בענדער.

ס׳האָט איר בענקשאַפֿט אומגעקערט זיך
פֿון דעם טאַטנס לאַנד פֿאַרדאָפּלט:
ס׳האָט דאָס שטעטל אים געצויגן
ווי אַן אומצעריסן נאָפּל.

נאָר דאָס לאַנד, דאָס ווייטע, פֿרעמדע,
צוגעזאָגט האָט ברויט און פּראַצע —
זיינען בריוו געווען באַלאָדן
מיט אַן אומעט ביז צום פּלאַצן.

און געפּלאַצט ניט איינמאָל טאַקע
האָט אַ קוואַל־טיר ביי דער מאַמען:
ס׳האָבן טרערן — פֿרויען־טרערן —
דורכגעבראָכן אַלע צאַמען.

שטעטל מיינס, אין דיין אומעט
האָט מיין קינדהייט זיך געבאָדן;
נאָר אַ מאַמעס זאָרג און ליבע
האָט באַזונט פֿאַר אונז דיין באָדן . . .

האָסט מיין טאַטן ווייט פֿאַרטריבן
מיט דיין נויט־בייטש אין דער פֿרעמד;
נאָר זיין בענקשאַפֿט האָט באַגלייט אים
ווי זיין לייב — דאָס ווייסע העמד.

און געצויגן האָסט צוריק אים
ווי אַן אָקס געפּענט אין שטריק;
ווי דו וואָלסט נאָך אַלץ באַהאַלטן
פאַר זיין האַרץ אַ ברעקל גליק.

אוי, דו שטעטל, דו פאַרטרוימטע,
אוי, דו שטעטל ביי דעם טייך;
דו, מיט דיינע געסלעך קרומע,
מיט איהומענס ברייטן שליאַך.

דו מיט דיינע סאָסנע־וועלדער,
מיט די לאָנקעס וואָס אַרום,
מיט דיין איינזאַמער לבנה,
וואָס שפּאַצירט זיך אַזוי פרום...

האָסט מיין טאַטן אין דער ווייטן
ניט געשענקט קיין ביסל רו,
ווי אַ פייער־פליג אין אָוונט
אים צוריק געלאָקט האָסטו...

האָט ער זיך צו דיינע געסלעך
אַ דערפרייטער אומגעקערט;
נאָר עס האָט אים פונדערנאָענט
ניט געזעטיקט מער דיין ערד...

האָסט זיך דאַן נאָך ניט געביטן:
ניט די געסלעך, ניט די לופט,
און פאַרלאָזט האָט ער דיך ווידער
אויף געוויסנס טעמפּן רוף...

און ביים ברעג פון מיסיסיפי
לאַנג געוואַרט אויף יענער שעה,
ווען מיט פלאַטערדיקע ליפּן
זאָל ער זאָגן: פרייד — ביסט דאָ!

* * *

נאָר יענע שעה, ווי אַ מיראַזש,
האָט אָפּגענאַרט מיין טאַטן,
עס האָט געגרויט, ווי שטומער אַש,
זיין לעבן אין די שטאַטן.

ביי דער פאַרשוויצטער פרעס־מאַשין
האָט אויסגעהויכט זיין חלום;
און טעכטער פיר, אַ פרוי, צוויי זין —
באַוויינען אויפן קול אים.

עס האָט מיין מאַמע מיר געשענקט
דעם טאַטנס אַלטן אַרבעט־זייגער;
נאָך איצטער קלאַפּט ער אוים פאַרבענקט
דעם אומעט פון זיין לעבנס־שטייגער.

איך קוק שטאַר אויפן ציפער־בלאַט;
איך לייג אים צער'פול צו מיין אויער,
און איך דערהער זיין קול כמעט,
אַ מורמל פול מיט טרויער.

ער רוט שוין פינף און צוואַנציק יאָר
אין שלאָף אין אייביקן פון קבר,
נאָר אין די ווייזערס זע איך קלאָר:
דער טאַטע רירט נאָך מיט אַן אבר.

און דורך דעם שטילן טיק־און־טאַק
עס רעדט צו מיר, מיר דאַכט, מיין טאַטע;
און עפּעס צערטלען זיי געשמאַק —
די רייד די ערדישע און גלאַטע...

און, ווי פון ביכער, לייענט ער
דורך נעכט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל;
און איך גיי נאָך זיין יעדן קער
אַזש פון דעם ווייטן קליינעם שטעטל.

איך קלייב די רייד די ערלעכע צונויף,
וואָס קומען אויף פון טיק־טאַק שטילן;
ווי שאָטנס טוען זיי אַ לויף
און ווילן מיך אין צער פאַרהילן.

איך מאַך די אויגן מיינע צו, —
נאָר אויפגעעפנט איז מיין אויער,
עס וואָגלט וואו אַוועק מיין רו
און אומרו בויערט מיך און בויערט...

* * *

עס האָט אויך אונז דאָס האַרבע לעבן
פעסט אָנגענומען ביי דער האַנט
און האָט דערפירט אונז איבער ים׳ען,
אַזש ביז אַהער — דאָס „נייע" לאַנד.

און איינגעטונקט איז אונזער טאָג
אין פראַצע און אין יאָכן,
און שווער איז, שווער, דעם לעבנס וואָג
דורך אַלע גרויע אינדערוואָכנס.

נאָר אַנדערש זעט שוין אונזער בליק
דעם מוטנעם קוואַל פון אַלע זאָרגן,
און וויסן: ס'איז דעם מענטשנס גליק
אין הימל ערגעץ ניט פאַרבאָרגן.

און ווי ס'זאָל היינט נאָך אונזער שפּאַן
ניט זיין געשטרויכלט איבער וועגן, —
ס'איז דאָך אין קאַמף דער זיג פאַראַן
און שטאָלץ מיר גייען אים אַנטקעגן.

און גוט איז, ברודער, גיין באַנאַנד
צו יענעם טאָג פון פרייד און שלום,
איז גיב אַהער דיין ערלעך האַנט
ביז ס'וועט צעשיינען אונזער חלום.

אוי, וואָס שלעפּט דער באַן זיך לאַנגזאַם,
ווי אַ קליאַטשע, ווי אַ פּגר,
און ווי לאַנג נאָך איבער וויסטעס
וועט ער שלעפּן זיך אַ שטייגער?

איז לחיים! ברודער לעבן!
— און אַ כוסה קושט אַ כוסה —
זאָגט ער: ברודערל, לחיים!
מאַך איך — שמייכלענדיק — לעמויסע!

.1946

וואָר און ליד

דער פינפטער צענדליק

איך שטיי היינט אויפן יום־טוב׳דיקן שוועל,
וואָס פירט אין פינפטן צענדליק מיך אַריבער;
און קיינמאָל האָט דער מאָרגן מיר געהעלט
נאָך דרייסטער, מוטיקער און ליבער.

מיט האַנט מיט זיכערער איך טו אַ מיש
פון מיין פאַרשטומטן עבר־בוך די בלעטער:
אַזויפיל טריט אויף זאַמד־וועגן פאַרווישט,
אַזויפיל צאַרטע זייף־בלאָזן צעשמעטערט.

אַזאַ מהלך דורכגעוויטיקט שוין
און דורכגעפרייט מיט מיינע גלידער;
נאָר ס׳דאַכט זיך: כ׳בין נאָך גאָר ביים זוים
פון לעבן מיינעם און פון מיינע לידער.

און וואָס איך האָב געזונגען ביז אַהער
און וואָס מיין טרייע פען האָט אויסגעלייטערט, —
בלויז ווידער־קולות, וואָס מיין דור׳ס באַגער
האָט אויף דער אויבערפלאַך אַרויסגעשליידערט.

איך וועל אויף מיינע אַקסלען פריידיק־העל
די ציגל פון מיין לעבן־בנין טראָגן;
און כ׳רוף היינט פון מיין יום־טוב׳דיקן שוועל:
אָ, מענטש, נעם מיינע לויטערסטע פאַרטאָגן!

און וויפל פרילינגען אויף ערד באַשערט
עס זיינען מיר געבליבן דורכצוהעלן, —
זאָל איך אַ זון מיין פאָלק זיין תמיד ווערט,
עס זאָל צו שטייגן העכער מיך באַזעלן.

.1945

לעבן און לידער

1

פונקען פון לידער
אַרום און אַרום,
וועקן מיט ציטער:
זינגער דו, קום!

פלאַטערן גרינגע,
פליגלען צעשפרייט;
שאַרפע און פלינקע —
אָנגרייפן גרייט...

צופן דעם גליווער,
צאַפן די רו;
הויפן־אָן פיבער
גליאיק דערצו.

העכער און איבער
קוימענס און דאַך
שאַלן צע׳גיבור׳ט,
טרייסלען די נאַכט:

עפן פאַנאַנדער
האַרץ דיינס, פּאָעט!
שפּאַן ניט אין וואַנדער,
בלינד — אין געוועט;

ניט אין אַ מדבר,
ניט אינם רוים, —
דאָ, אין דער נידער
כשופ׳ט אַ טרוים...

בליט מיטן בלימל,
רוישט אינם ווינט;
צויבערט אין דרימל
וויגנדיק ס׳קינד;

צערטלט דעם זקן
האַרבסטיק און שפּעט;
מיידלשע לאָקן
ווינטלדיק גלעט;

ס׳הילכט זיין געלעכטער
פריידיק אַרוים, —
יונגען און טעכטער
פאַנגען זיין רויש:

זאַטקייט און שלום! —
קליין איז דער טרוים?
שענק היינט דיין קול אים,
שמעטער דעם רוים!

2

לידער און לידער
לאָזן ניט אָפּ...
סטרונעס צעגליטע —
האָר אויף מיין קאָפּ.

אַלץ אין מיר — אויער,
שאַרף מיין געהער:
וואָלף אין געלויער
בלוט נאָר באַגערט...

נאָר ס׳שרעקט ניט דער אָוונט
שאָטנדיק מער, —
האַרץ איז באַוואָפנט,
ליד — מיין געווער.

ס'לעבן אַ ים איז,
אייביק — דאָס פאָלק;
צער פון מאַמעס —
שווערער פון גאָלד!

פראַצע פון טאַטעס —
פעלדער און שטעט...
אַלץ — הינטער גראַטעס:
פרילינג און זעט...

איבער אַלץ לויערט
קריגן־געשפענסט;
מערדער אין טויער —
שאַל, ווי דו קענסט!

3

האַרץ מיינס — וואָס איז עס?
אַ בעכערל ווייַן?
טו אַ צעגיס עס —
וועלט איז אין פּייַן!

לאַנד איז צעגעסטיקט:
ס'ווימלט מיט שלענג;
ס'פאָלק ווערט געלעסטערט,
מיט העצע פאַרשווענקט...

ס'לעבן באַוועלדערט
מיט טיגערן איז:
גיפטיקע שעלטער
מיט סם אינם ביס...

נעצן און שטייגן
צירן דעם וועג,
צינגער אין שוויַיגן —
שטומען אין שרעק...

האַרץ מיינס, ניט בלאָנקע!
פאַרנעבעכט ניט ווער!
טוליע זיך נאָנט
צו געדולדיקער ערד.

ציל איז צעפאַקלט,
באַ׳יום־טוב׳ט, באַזונט;
טראָט טוט קיין וואַקל,
כאָטש שטייניק איז גרונד!

טרוים איז צעאָדלערט,
באַפליגלט מיט רום;
נידער מיט שפּאָטלער!
העצער, פאַרשטומט!

4

זינגער, פּאָעטן,
ה י י נ ט איז דער טאָג!
ס׳טויג ניט פאַרגלעטן
די וואונדן מיט ק ל אָ ג.

יאָמערן טויג ניט,
טרער־ברוסט ניט מעלקט;
אומעטיק זויגט ניט
די פּיין־בלום, וואָס וועלקט...

גיסט ניט קיין טרערן
צעבערווייז ק ל ו ג,
שטום צו די שטערן
פאַרטרויערט ניט קוקט.

אפשר איז זים אייך
אויף גומען די פּיין:
זאַפּט איר צוביסלעך,
ווי שוימיקן וויין.

שכור׳לעך זייט איר
פון ווייען־ג ע נ ו ס, —
צינדט איר אַ שייטער
פון פּערזיקן פּלום...

זעט איר ניט, זינגער,
ס׳ליכט, וואָס גייט אויף?
הערט איר ניט קלינגען
דעם מ אָ ר ג ן, וואָס רופט?..

זינגער, איר זינגער,
טרעגער פון ליד: —
זינגט, אַז ס׳זאָל גרינגער
אונז זיין דער געמיט.

רחבות׳דיק־פריי זאָל
ווערן דער טראָט
איבער די קרייזן
פון ווילדן געשפּאָט.

גרינג זאָל אין האַרץ זיין,
קלאָרער — דעם קאָפּ;
אויג זאָל ניט שטאַרצן
צו גרונטן אַראָפּ...

מ אָ ר ג ן אַ העל טאָן
זאָל ה י י נ ט שוין אין בליק,
און פ ר י י זאָלן וועלטן
אַ מעלד טאָן אונז — זיג!

זינגער, איר זינגער,
טרעגער פון וואָרט: —
ס׳האַרץ מאַכט אונז גרינגער,
דעם מוח — צעקלאָרט!

5

שטערנדלעך, פינטעלעך,
גאָלדענע קנעפּ, —
ס'האָבן זיי ווינטעלעך
ערגעץ פאַרשלעפּט.

בעזימער טונקעלע
— בייזווילִיק, פרעך —
האָבן אַ שוואונג געטאָן
צעבער מיט פעך . . .

בערשטעלעך גיריקע
— ציניש און שלעכט —
ווילן פאַרטיליקן
זילבערנע נעכט . . .

און די לבנה'לע —
וואו איז זי, וואו?
אַ שוואַרצינקע פאָנעלע
בייז דעקט זי צו . . .

זעט נאָר, פּאָעטן,
זינגער, הערט:
הערט אויף צו קלעטערן
סתם אויף דער ערד.

איך־לאַבאַרינטעלעך
האָט איר צעשפּינט, —
דאָרט, ווי די ווינטעלעך,
בלאָנדזשעט איר בלינד.

לאַנגע געשפּרעכעלעך
פירט איר און פירט —
ס'צאַפּלט אין בעכערלעך
איבישער שפּירט.

לאָזט אייער צער איבער,
זאָגט אים: פאַרשווינד!
נעסטעלעך וואַרעמע
צופּט שוין דער ווינט...

„קידוש־השם'עווען",
נו, שוין גענוג!
בלינדע פאַרשעמען וועט
ס'פאָלק, וואָס איז קלוג.

ס'שפּרייט זיך אַ פייער
איבערן שטאַם, —
ס'קריכט שוין צום שייער...
לעש און פאַרצאַם!

כאַפּ אָן אַן עמער,
לויף צו דעם קוואַל —
ניט מיט אַ זמר, —
היינט דאַרף מען ג ע ל!

ס'ברענט שוין דאָס קעמערל,
ס'פלאַקערט דער שטאַל...
לאַנד איז אין דעמערונג, —
שוויג ניט, נאָר ש אַ ל!

איך און דער דיכטער אין מיר

1

ער איז מיין שטענדיקער באַגלייטער
אויף שליאַכן ליכטיקע פון טאָג;
און דורך טונעלן אויסגעשפּרייטע
פון נעכט איך הער זיין פריינטלעך זאָג.

ער גייט מיר נאָך געטריי אַהינטער
מיין שווער־און־לייכט געמאָסטן טראָט;
נאָר אָפטער — ווי דער שניי אין ווינטער —
ער בלענדט פאָרויס דעם וועג מיט גנאָד.

און איילנדיק אַזוי פאָרויס מיר
אין ווייט ער שלײַדערט פאַסן־ליכט;
און וואָס איך טרעף אין גאַנג באַרוישט מיך
און וויל אַריין אין אַ געדיכט.

ער איז מיין זינגענדיקער שכן
ביים יעדן אומבויג פונעם טאָג,
און יעדן גרויען אינדערוואָכן
מיט פרילינג טוט ער אַ פאַריאָג.

אָפט הער איך בלויז אַ זאַפטיקן געפּליסטער,
וואָס סודות׳דיק מיין האַרץ פּילט אָן;
און אָפט — מיט אויסגעשריי באַגריסט ער
און טרייסלט אויף מיין יעדן צאָן.

אָפט זע איך אים אין העלן שווייגן
אַ וואָגיקן, באַלאָדן שווער;
און אָפט — באַפליגלטע מיר שטייגן,
ביז כ׳פיל מיין גוף אויף טריט ניט מער.

2

ביסטו דער אַלטער צויבערער,
וואָס וויל די וועלט פאַרנאַרן
אין קעסטעלעך פּירקאַנטיקע,
אין פּערל־צעלן פאַרשפּאַרן?

די פרילינג־זון די זיגערין
מיט פּערזן־וואַקס פאַרזיגלען?
מיט גראַמען־קייטן צוקייטלען
די ים׳ען — זיך צו שפּיגלען?

די ליידן און די אומרעכטן,
ווי נעכט לבנה׳לאָזע לאַנגע, —
אין ווייסן רוים פאַפּירענעם
מיט פעדער־שפּיזן פאַנגען?

איך בין דער אַלטער צויבערער
און אויך דער יונגער בויער, —
איך בוי צו אַלע טרוימען אויס
אַ פרילינגדיקן טויער.

און איבער אַלע טייך־ברעגן
צעוואַרף איך שטראַלן־בריקן;
און צו די העכסטע באַרג־שפּיצן
צעשטעל איך האָפענונג־שטיגן.

אין אַלע שטורעמס ים׳יקע
פאַראַנקער איך אַ האַפן,
און איבער אַלע שלאַכטפעלדער
וועל איך נאָך שלום שאַפן.

3

פאַר מיר זיינען ווערטער
דער גאָלדענער זאַמד,
וואָס שיט זיך פון שטערן
אַ נאַכט נאָכאַנאַנד
און פאַלט, ווי אַ רעגן
אין קוואַל פון מיין בליק
אויף קיינמאָל זיך אויפלייזן
פרוכטלאָז צוריק . . .

פאַר מיר זיינען ווערטער
געשליפענער גלאָז —
צו בליקן אין ה י י נ ט שוין
אַ מאָרגנדיק גראָז.
פאַר מיר זיינען ווערטער
אי ציגל, אי ליים —
און כ'בוי מיט התמדה
פאַר א מ ת אַ היים.

איר, פשוטע ווערטער,
פון ליפן און פען, —
ס'איז זיסער פון טויען
אויף צונג אייער ברען.
אָ, קומט ווי דער צייט־שטראָם
פאַנאַנדערגעוויגט,
די יאָכן פון נעכטנס
מיט מאָרגנס באַזיגט . . .

איך האָב די לידער מיינע...

איך האָב די לידער מיינע אויפגעזאַמלט
און פּאַטערלעך מיט בליקן זיי געצערטלט;
נאָר ס'דאַכט זיך מיר — מיין דיכטער־פּען נאָך שטאַמלט
און גיט פון איר פאַרמעגן ניט קיין פערטל . . .

איך נויג צום פערז געהאָרכזאַם צו אַן אויער
און ס'דאַכט זיך: ניט דערגרונטעוועט צום עיקר;
כ'האָב ניט גענוג דעם היינט אין זיי פאַרמויערט
און מאָרגנס ניט דערגעבן גאַנצע שטיקער.

עס קריכט די וועלט אויף שטעכעדיקע דראָטן
און ס'רינט איר בלוט אין ערד־שפּאַלטן אַרונטער;
נאָר ס'גייט ניט אויף מיין ליד אַזוי צעזאָרן,
ווי ס'זידט דער צער־און־צאָרן אויף פון גרונטן.

וועל איך נאָר מער מיין דיכטער־פּען פאַרשאַרפן
און טיפער זי אין לעבנס־קוואַלן טונקען,
און זאָל מיין ליד זיין — וואו מען וועט נאָר דאַרפן —
אי פאַקלען־ליכט, אי פייערדיקע צונגען . . .

פאַרשידנס

די זון אויף מיין פענצטער

די זון האָט זיך היינט אויף מיין פענצטער
צעלאַכט אַזוי גאָלדיק און גרינג,
און אָנגעקלאַפּט חבריש:
זינג!

אין האַרץ, אונטער זון אַ פאַרגאַפּטע,
געפּלאַצט האָבן טירן און שלאָס:
אַרויס,
אומגעוואונטשטער פאַרדראָס!

פון מזרח דערוואַכטן ביז הי,
ווי צעשמאָלצענער גאָלד, פליסט די שיין...
אַ גוט מאָרגן דיר, זון,
קום אַריין!

אַליין כ'בין דער שומר און היט מיינע טעג,
ווי העל־ווייסע שאָף;
איך פּאַק יעדן צווייפל ביים האַלדז, ווי אַ וואָלף,
און באַשטראָף...

כ'קער אויס יעדן וואַקל פון האַרצן,
פון האָפענונג־קוואַל טו אַ שעפּ, —
און ווידער עס טראָגט זיך מיין שפּאַן
איבער זיבערע,
זוניקע טרעפּ...

היינט

מײַן הײַנט — אַ צעלויכטענער בריק:
ס'איז אײַן ברעג פֿאַראַנקערט צוריק,
דער צווייטער — צום מאָרגן...
אויף יעדן צעשוואונגענעם שפּאַן,
עס דאַכט זיך — געפֿאַר איז פֿאַראַן,
וואָס לויערט פֿאַרבאָרגן...

דאָך אײַל איך זיך מונטער פֿאָרויס
מיט אוצרות — אַ לעבן די גרויס:
אַ פֿאָלק און אַ לשון;
אַ יעדן איך שיץ, ווי אַ קינד, —
זיי זאָלן פֿון בײַסיקן ווינט
ניט ווערן פֿאַרלאָשן...

נאַכט

אַ קילער געלעגער אין מיטן פון וועג, —
דיין קאָפּ לייג, דעם מידן, אויף גראָזן אַוועק
און דעק זיך מיט הימל־בלוי איבער.
פאַרגעס ניט: ס׳איז זיסער נאָך דעמאָלט די רו
ווען ס׳שליסט זיך דיין טאָג, ווי אַ שייער־טיר צו
מיט שפע די ברעגן אַריבער.

די שפע פון מעשים אומזמירדלעך קלייב אָן,
צוקאָפּנס זיי שטעל, ווי אַ ליכטיקע פאָן,
וואָס האָט דיך דורך שלאַכטן געטראָגן.
און מאָרגן, ווען טאָג וועט אַ רוף טאָן אויפסניי, —
הויב ווידער דיין פאָן אויף, ס׳וועט זיין שוין כדאי:
צום באַרג־שפּיץ דו וועסט זיך דערשלאָגן . . .

צווי לידער

1

איך ווייס, איך ווייס: אַרומגעברעטלט
איז קעגן ווינט מיין האַרץ פון לאַנג אָן,
און וועט ניט צאַפּלען, ווי אַ בלעטל,
פון יונגע, אינגלשע פאַרלאַנגען.

נאָר יעדער רויש פון גרויסן שטורעם
אויף אַלטע פוילנדיקע סקווערן
קלינגט הילכיק אָפּ אין האַרצן... רום אים!
ער וועט די פוילעניש פאַרקערן!

2

איך ווייס, איך ווייס, אַרומגעאייזנט
איז מיין געמיט פון אַלע ווינקלען;
און וועט אַ צווייפל־פונק זיך ווייזן, —
וועט ער אין פלאַם זיך ניט צעפינקלען.

מיין גאַנג איז מונטערדיק צעפרילינגט
און פריש־צעערדעוועט מיין האַרץ איז;
איך בין פון לאַנג שוין דאָך אַ צווילינג
דער וועלט, וואָס רייסט זיך פון די קאַרצערס.

און ווי ניט מיד דער יונגער מאַי ווערט
צו שפּאַלטן יעדן יאָר די קנאָספּן, —
ניט מיד ווער, האַרץ מיינס, אָנצוגרייפן
און שלאָגן פריש מיט גלויבן פראָסטן.

אָ, האַרץ, מיין האַרץ, האָסט זיך גע'חבר'ט
מיט פלאַם פון גבורה'דיקן גלויבן —
און ס'האָט מיין אימפּעט ניט געזשאַווערט,
נאָר יעדער טראָט האָט מיך דערהויבן.

ווערטער

1

זיי פלאַטערן צאַרט פאַר די אויגן,
שטרעק אויס נאָר דיין אָרעם און — נעם!
אַ שמעטערלינג איינס איז
מיט זון־ליכט באַצויגן,
דאָס צווייטע — אין שאָטן־געקלעם . . .

מיין האַרץ איז אַ פלאַמיקער שייטער;
דאָס ליכט קעגן שאָטן — אין קריג,
און איך אינם ברויז ווער
פון מאַטער געלייטערט
און כ׳מונטער דאָס העלע:
באַזיג!

2

דאָס וואָרט, ווי דאָס מורמל פון קוועלכל,
וואָס שלאָגט אַזוי רואיק און שטיל, —
שענק, חבר, דיין ברודער נאָר, וועלכער
ווערט פלוצלונג אין אומעט פאַרהילט.

דאָס וואָרט, ווי פון כוואַליעס דאָס רוישן,
וואָס מונטערט דאָס האַרץ פונם מענטש, —
דיין פאָלק גיב, ווי טרויבן אין קוישן,
און זינגענדיק טרייסט אים און בענטש . . .

מיט ליד און קאַמף

(באַגריסונג דעם דיריגענט, לעאָן י. מאַלאַמוט, און די זינגער פון כאָר)

דורך אייער ליד זינגט אונזער פאָלק
זיין דורות׳דיקן גלויבן אויס,
וואָס האָט אים טרייסטנדיק געפירט
מיט טריט מיט זיכערע פאָרויס.

דורך אייער ליד זינגט שטאָלץ אַרויס
די מי פון האָרעפּאַשנע הענט;
און אויך די האָפענונג פון האַרץ,
וואָס איז צו מאָרגן־ליכט געווענדט.

און ווען איר זינגט פון נויט און פּיין
און בייזע שאָטנס פון דער נאַכט, —
איז ניט צו בויגן אונזער קאָפּ,
נאָר שטיין אַנטשלאָסן אויף דער וואַך!

דער וועג איז שווער, דער שונא — בייז
און גרייט שוין שחיטות אויפראָסנייִ;
איז הויך דאָס ליד און פעסט — די רייִ, —
ביז לעצטער שפּאַן וועט ווערן פרייִ!

1949.

דער אָדלער האָט פליגל

(געווידמעט דעם אידישן פאָלקס־כאָר אין לאָס אַנדזשעלעס
צום 25טן יובילײ און דעם דיריגענט י. מאַלאַמוט)

דער אָדלער האָט פליגל,
דער לײב — זײן געשרײ;
און מיר האָבן לידער
פון צאָרן און װײ.

ס'איז אונזער געזאַנג הײנט —
אַ מעכטיקער רוף
צו די, װעלכע װאַגן
צו שטײגן אַ ר ו י ף;

צו יענע, װאָס ראַנגלען זיך
שרעקלאָז און דרײסט
אין נעצן פון זאָרגן, —
צו זײ אונזער טרײסט.

עס שאַלט איבער װעגן
דאָס ליד און באַהעלט,
און זאַמלט די הערצער,
װי גאַרבן אין פעלד.

אַ פערטל־יאָרהונדערט
פון שטורעם אַזױ:
מיט ליכטיקע לידער
אין װאָכיקן גרױ;

מיט שטאָלענעם גלױבן
אין מאָרגנס פון גליק,
מיט יובל־געזאַנגען
אין שעה'ען פון זיג.

און וואו אַ געראַנגל
און וואו אַ געפּעכט, —
האָט ליד אונז געמונטערט
פאַר פרייהייט און רעכט.

מיר האָבן אין „קוזניע"
זיי פלאַמיק געשמידט,
אין „ווינטן אין בייזע", —
פון בייז זיי פאַרהיט.

זי האָט אונז ביים רידל
אין „זומפּנלאַנד" באַגלייט,
און אונזערע פאָנען
אין „מאַי־טעג" צעוויט.

זי האָט אונז געבראַכט אָפּט
קיין „בירא־בידזשאַן",
וואו אידישער לשון
איז טעגלעך געזאַנג.

זי האָט אונזער וויטיק
באַוויינט אין „לובלין", —
וואו איבער די חורבות
שפּראָצט זאַפטיקער גרין.

זי האָט „נאָכן זיג" אונז
געשטעלט אויף דער וואַך:
צו היטן דעם שלום
אויף פעלקערשן שליאַך.

אונז וועקט די צוואה
פון העלד־פּאַרטיזאַן:
„זאָג ניט קיינמאָל..." באַגלייט אונז
אויף איטלעכן שפּאַן.

ווי גרויס איז דער אוצר
פון ליד און פון וואָרט,
וואָס ביז איצט מיר האָבן
שוין דאָ אָפּגעשפּאָרט.

איז פירט אונז, איר זינגער,
צעשאַלט אייער ליד!
מיט אייך איז אונז גרינגער
און פעסטער — די טריט!

איינער קלייבט הייזער...

(יצחק קעריש׳ן צו זיין 70-יאָריקן יובילײ)

איינער קלייבט הייזער, אַ צווייטער — נאָר פּערל,
און צירונג און זיידנס קלייבט זרח און בערל;

נאָר דו — עפּעס אַנדערש געשפּאָרט האָסט דורך יאָרן
און ביסט שוין אַ נגיד ביז איצטער געוואָרן.

אַ נגיד פון יאָרן פון פרוכטבאַרע, רייפע, —
און ווייזסט ניט קיין טראָפּן פון שטאָלצן בעל־גאוה.

ס'איז אפשר ניט גרינג דיר געווען אָפט צו שפּאַנען
אויף וועגן, אויף וועלכע עס איז נאָך פאַראַנען:

אי שטיינער פון גלייכגילט, אי ווענט פון פחדנות, —
נאָר דו האָסט געהאַמערט מיט שטייפער עקשנות

און האָסט אַזוי גלויביק געשפּאַנט און געשטיגן
און ס'האָט דיך אָן אויפהער באַגלייט אונזער ניגון;

און דו האָסט דאָס ליד פון די לויטערסטע טרוימען
פאַרזייט צווישן אונז, ווי אויף פעלדער די זוימען:

דאָס ליד פונם מענטש, וואָס פון זאָרג ווערט דערוואָרגן,
דאָס קעמפעריש ליד פון אַ העלערן מאָרגן.

עס האָבן צעבליט זיך, ווי עדות, ווי זאַטע,
די זינגנדע כאָרן און דו — זייער טאַטע.

געזאַמלט האָסטו דיין עשירות דורך יאָרן
און אויך צו די זיבעציק מיד ניט געוואָרן.

און אויך איז דיין וואָרט — אַזוי פּשוט און קרעפּטיק —
מיט חכמה פון פאָלק און מיט גלויבן באַהעפט איז;

דו האָסט אים געשעפּט פון די פאָלקישע קוואַלן
און לאָזט אים אויף אויערן גיריקע פאַלן:

אַ פּסוק, אַ משל און אָפט אַ לעגענדע,
וואָס פאָלק האָט געזאַמלט אין גאַנג איבער לענדער,

געשאַפן, געקליבן אין לויף פון די דורות
און אויפגעהיט זיי, ווי אַ גערטנער די פּירות.

און גוט איז צו זען דיך און גוט איז צו הערן . . .
און זאָלן זיך יאָרן דיר מערן און מערן

מיט מעשים און לידער, מיט טאַט און געזאַנגען,
ווי ס'מערן אין פעלד זיך נאָך רעגן די זאַנגען.

* * *

איינער קלייבט הייזער, אַ צווייטער — פּערל,
און צירונג און זיידנס קלייבט בערל און שמערל, —

נאָר דו האָסט געזאַמלט די פרוכטבאַרע יאָרן
און ביסט שוין אַ נגיד ביז איצטער געוואָרן.

„מאָרגן־פרייהייט" הימן

אין הייסע טעג פון אויפגעוואַכטן צאָרן
ווען האַרץ באַלאָדן איז געווען מיט ווײ —
האָסטו מיט שטאָלץ און אומדערשראָקן
צעקלונגען אונזער מעכטיקן געשריי.

צ ו ז י נ ג :

אַ לויב צו דיר, אָ, „מאָרגן־פרייהייט",
צו דיינע פינף און צוואַנציק יאָר!
דיין וואָרט האָט זוניק אויפגעלויכטן
פאַר אונזער שטורעמדיקן דור.

דיין דרייסטער רוף האָט אונזער מוט געהויבן
און ווי גראַניט געפעסטיקט אונז די הענט;
דו האָסט צעפלאַמט אין אונז דעם גלויבן,
ווען ס'האָט די וועלט אויף שייטערן געברענט.

מיר שטייען היינט נאָך אַלע אין געראַנגל,
און גרויס איז נאָך דער טרויער און די פּיין —
נאָר זיגרייך וועסטו אונז דערפירן
ביז אויפגיין וועט די מאָרגנדיקע שיין.

מערץ 20, 1947.

קעמפערין ליכטיקע

(דער „מאָרגן־פרייהייט“ צו איר 25־יאָריקן יובילײ)

ווי רווישיקע באַנען, דו קעמפערין ליכטיקע,
ברענגסטו פון אומעטום גרוסן אויפריכטיקע;

מיט אוצרות אָנצאָליקע קומסט אַ באַלאָדענע:
ווערטער, ווי שטראַלן, און קאַמף־טוי צעבאָדענע.

פון ענגער ניו יאָרק ביז דעם מערב, דעם גאָלדענעם,
קלייבסטו די רינגען פון לעבן צעשפּאָלטענעם;

רינגען פון לעבנס און נויטן צעטראָטענע
לעבנס, ווי פרוכט־בליטן, קיינמאָל געראָטענע;

קלייבסטו די רינגען און שמידסט זיי בטחונ'דיק;
שמעלצסט אַריין יום־טוב אין אַלץ וואָס ס'איז וואָכעדיק;

בלאָזסט אַריין אָטעם אין גלויבנס צעשמעטערטע, —
טוט עס אַ רויש, ווי אַ בוים אַ באַבלעטערטער;

גלייכן זיך רוקנס פון לאַסטן געבויגענע;
ביילן זיך הענט, ווי מיט פּאַנצערט באַצויגענע;

מערן און לאַנד זיך די רייען געשלאָסענע
איבער די סקווערן מיט מוט אָנגעגאָסענע;

קייטלען זיך רינגען מיט רינגען עקשנות'דיק,
שטעלן זיך פוס־טריט — שוין מער ניט פחדנות'דיק;

טוען זיך לידער אַ טראָג שוין גאָר אַנדערע —
גאָרנישט אַזעלכע וואָס יאוש'דיק וואַנדערן;

לידער אַזעלכע, וואָס מאָנענדיק פאָדערן,
גיסן מיט צאָרן אָן ס'בלוט אין די אָדערן;

צאָרן צו יענע, וואָס רויבן און פּלינדערן,
לאָזן קיין פרייד אונזער האַרץ צו דערמינטערן;

שלייפן שוין ווידער אויף גרוב ערשט־פאַרשאָטענער
זייערע מעסער פאַר שחיטות פאַרשאָלטענע . . .

* * *

שווער איז דיין וועג, נאָר דיין וואָרט — אַזאַ ניכטערער —
שמידט אונז צוזאַמען אין מחנות געדיכטערע;

קרעפטיקט און פירט אונז צו שלום־טעג זיכערע
איבער די חורבות מיט פוס־טריט מיט גיכערע!

מאַי 25, 1947.

צו אייך, צוואַנציק־יאָריקע

(געווידמעט דעם פ. ג. פ. און דעם דיריגענט נייטן סאַמאַראָוו
צום צוואַנציק יאָריקן געזאַנג־יובילײ)

לוסטיקע לידער — פאַר לוסטיקע צייטן;
נאָר היינט איז ניט לוסטיק נאָך אונז אויפן האַרצן;
בלוטנדיק ציען די טעג זיך און בייטן,
ווי האַרבסטיקע הימלען, פאַרהילטע אין שוואַרצן.

ס'ליגט נאָך דער חלף פון האַקן־קרייץ מערדער
אויף קינדערשע העלזער פאַרבלוטע, אַנטבלויזטע,
ס'ברענען נאָך הויפן און היימען צעשטערטע
און ס'שטראָמט אונזער בלוט נאָך ווי טייכן צעברויזטע.

ס'וואַלגערן זיך נאָך אויף אַלערליי וועגן
די גלידער פון טאַטעס צעהאַקטע, צעבראָכטע,
ס'טראָגן זיך אום נאָך און שניידן, ווי זעגן,
יללות פון מוטערס, פון קיינעם באַקלאָגטע.

פול זיינען הימלען מיט צער נאָך און טרויער
און ס'איז נאָך דער שונא ניט מיד פון דער שחיטה, —
וועמענס־זשע טרייסט־ליד פאַרנעמט אונזער אויער?
אין וועמענס געזאַנג — אונזער וואונד די צעבריטע?

ס'זינגט אונזער פאָלק! און זיין טרויער־ליד פיבערט!
עס זינגט — און עס בײַלט זיך דער פויסט צו נקמה!
עס זינגט — און עס בינדן זיך גלידער מיט גלידער
אין אחדות פון האַרץ און פון בלוט און נשמה!

מ'זינגט אונזער פֿאָלק! און ער דונערט מיט צאָרן
צו די וואָס באַשפּאָטן, באַוואַרפֿן מיט שטיינער;
עס שטורעמט זיין רוף אויס, זיין מעכטיקן־קלאָרן:
קומט! איינער ווי אַלע און אַלע ווי איינער!

עס זינגט אונזער פֿאָלק! ווער פֿאַרנעמט ניט דערהויבן
דעם ליכטיקן מאָרגן אין זיינע געזאַנגען?
ווער פֿילט ניט דעם כוח, די גבורה פֿון גלייבן
און ווערט ניט אַליין פֿונעם גלויבן געפֿאַנגען?

פֿאָלקס־זינגער גלויביקע, טרייע און דרייסטע,
איר, טרעגער פֿון אידישן ליד דורך די יאָרן,
מיין האַרץ שיקט אייך גרוסן איצט פֿלאַמיקע־הייסע
און יובלט אין יום־טוב פֿון אייער געבאָרן!

.1944

הימן

(ספעציעל געשאַפן פאַר דעם אידישן פאָלקס־כאָר אין לאָס אַנדזשעלעס,
לכבוד דעם 25־יאָריקן יובילײ)

אין שטורעם און בײזן געװיטער,
אויף װעגן מיט שטײנער פאַרזײט;
האָט אונז, װי אַ זון אַ צעבליטע,
דאָס ליד אומדערשראָקן באַגלײט.

טראָג זיך שטאָלץ, אונזער ליד, אין דער שלאַכט
און די הערצער מיט גלויבן שטאָל אָן!
װעק און רוף, אונזער פאָלק אויף דער װאַך
און גערעכטיקײט זינגענדיק מאָן!

אין רוישיקן לויף פון מאַשינען,
אין נויטן, אין זאָרגן און מי —
מיר זינגען דאָס ליד פון באַגינען,
װאָס קומט, װי דער פרילינג אין בלי.

טראָג זיך שטאָלץ . . .

אונזערע שול-קינדער אַ מתנה

אַ גרוס אייך, אַ טיף־האַרציקן,
קינדער אידישע;
איך קוש די קלאָרע אויגעלעך
די פֿאַר'חידוש'טע.

יאָרן יונגע אייערע
— פרייד באַלאָדענע —
אויפגיין זאָלן זאַפטיקע,
פיין־געראָטענע.

זאָל אייך ליב אויף שול־באַנק זיין
יעדעס רגע'לע;
קלייבט פון אונזער אוצר אויף
יעדעס ברעקעלע.

זאַפט אין פרישע הערצעלעך
יעדן טראָפנדל, —
וועט איר זען די זוניקייט
הינטער יעדן שאָטנדל.

וועט אייך אונזער לעבן־וועג
פון אַ פאָלק אַן אוראַלטן
ליב זיין מונטערדיק
ווייטער אָנהאַלטן.

קעגן שונאים אַלערליי
— בייזע נידערטרעכטיקע —
זאָלט איר אויפשטעלן אין קאַמף
רייען מעכטיקע.

און מיט פעלקער אַנדערע
ענג־פאַרברידערטע,
אין שלום און גערעכטיקייט
איינגעגלידערטע, —

וועלן מיר דעם טראָט פאָרויס
מיט העלדן־מוט פאַרגיכערן
און אַ וועלט אַ פרייערע
אויף אַלעמאָל פאַרזיכערן.

צום נייעם יאָר

(מיין מאַמע׳ן, שרה־רחל׳ען, אַ מתנה)

מיט טריט פאַרשעמטע, ווי אַן אָפּגעטאַרטער זקן,
פאַרנעמט דער אַלטער יאָר זיך פונ׳ם וועג;
עס האָט די בייזע וואָר, ווי מדבר־זאַמד, צעטראָגן
פון וואונטשן ליכטיקע זיין טייערן פאַרמעג . . .

עס האַלט מיין פאָלק נאָך אַלץ—אַ גלויביקער און דרייסטער—
ווי אַ געניטער שווימער, איבער וואַסער־פלאַך זיין קאָפּ.
אָ, קום שוין, ניי־יאָר, דו און וואַרף דיין טרייסט אים
ווי אַ געזיכערט רעטונג־גאַרטל איצט אַראָפּ!

געבענטשט האָט דיך מיין פאָלק דורך אַלערליי נסיונות
און זיך געפּרייט מיט דיר, ווי מיט אַ ניי־געבאָרן קינד;
אָ, קום, פאַרהאַרטעווע זיין פאַנצער פון עקשנות
אין אָנגעזיכט פון נייעם בייסנדיקן ווינט . . .

עס זינגט דאָס האַרץ צו גאָר דער וועלט: לשנה טובה,
און שטייפער ווערט דער בליק צום וויטן האָריזאָנט . . .
פאַרגיי ניט מער, אָ ניי־יאָר, ווי אַן אָפּגעטאַרטע קרובה,
נאָר זאָלסט מיט ברכות ווערן אומעטום דערמאָנט.

צום מאָל צום וויפלטן שטייט אויף מיין פאָלק שוין פון דער נידער
אויף ווידער זיך צעבליען פון דאָס ניי;
פאַרנעם, אָ וועלט, דאָס ליד פון מיינע ברידער —
עם ישראל חי!

1947.

בענקשאַפט

רוט'ן אַ מתנה

1

אָט איצטער, ווען ערגעץ־וואו אַנדערש
שפּאַנט יום־טוב'דיק־פריידיק דיין טראָט, —
דערפילט כ'האָב אין איטלעכן ווינקל
דיין צערטלעכן מיידלשן גנאָד.

דיין איטלעכער שפּור דאָ באַרוישט מיך,
און ברומט, ווי אַ לויטערער קוואַל;
עס טובל'ט אין אים זיך מיין בענקשאַפט
און קומט אַרויף מאָדנע צעשטראַלט.

וועסט קומען צוריק פון דער ווייטן —
וועט פול זיין דאָס הויז מיט דיין גנאָד;
און ס'וועט מיין געליטערטע בענקשאַפט
אַ פאַל טאָן, ווי שניי, צו דיין טראָט . . .

2

דאָס הויז איז געפּאַרבט און באַבלימלט
און ס'שמייכלען פאַרפּוצטע די ווענט;
זיי וואַרטן, ווי איך, אויף דיין קומען,
אויף שטילן באַריר פון די הענט.

איך בויג זיך און הויב יעדן שטויבל,
ווי שטעכלקעס שאַרפע אין וואַלד, —
אַז ווערט זאָלן זיין איצט די דילן
צו טראָגן דיין מיידלש געשטאַלט . . .

3

איך צייל יעדע רגע באַזונדער
און ס'טוט זיך דער טאָג קוים אַ ריר;
אָט באַלד וועט געשען דאָ אַ וואונדער
און דו וועסט אַ קלאַפּ טאָן אין טיר.

נאָר קלאַפּן וועסטו ניט באַדאַרפן, —
מיין האַרץ וועט שוין וויסן — ביסט דאָ;
מיין האַרץ וועט פאָרויס דיר זיך וואַרפן
ווען קומען וועט בלומיקע שעה . . .

4

פון איין צימער שפּאַן איך פאַר'חלומ'ט אין צווייטן
און ס'קוקט אויף מיר מיידלש דיין בליק פון די ווענט;
איך פאָרש אין מיין האַרץ,
וואָס איז אינגלש באַשיידן:
איך האָב די אַמאָליקע בענקשאַפט דערקענט . . .

5

איך זיך אַנטקעגן דיר און הערסט
ווי כ'מורמל מיינע לידער;
און מאָדנע פלאַטערט אום אַ פערז
און שיכור'ט אָן די גלידער . . .

דו צירעוועסט אַ קינד'ס אַ זאָק
און ציסט געשווינד דעם פאָדעם;
עס הויבט דיין ברוסט זיך לאַנגזאַם אויף
מיט יעדן צי פון אָטעם.

איך הער אַליין קוים, וואָס איך זאָג;
עס רירן קוים זיך מיינע ליפּן;
אָט לויכט אַריין שוין גרויער טאָג
פון דרויסן, ווי דורך זיפּן.

איז דאָס מיין אומרו? איז עס רו?
עס מישן שטראַלן זיך מיט שאָטנס,
מיר הערן איין זיך — איך און דו —
און זאַפּן איין אַ ליד אָן נאָטן . . .

6

און אומדערוואַרט האָט זיך אַ וואונדער,
ווי רויטער מאָן, אין מיר צעבליט;
עס האָבן האַרפּן — אַ פּאָר הונדערט —
אַ רויש געטאָן אין מיינע טריט.

דו האָסט אַזויפיל העלע שעה'ען
צעליכטיקט אויף מיין יוגנט־וועג;
איך טו אַ קוק אין ווייט אין גרויען —
און ס'שיינען אַלע מיינע טעג . . .

ס'האָט מיך מיט דיר איין פרילינג־חלום,
מיט זון־פעדים צונויפגעקניפּט;
און כ'ווייס ניט, ווען דאָס האַרץ באַרוישטע
האָט אויפגעהערט צו זיין פאַרליבט?

פאַרבלאַסטע זיינען אַלע צאַמען,
וואָס האָבן אונז אַמאָל צעטיילט;
און מאָרגנס: אַלע מיינע פריידן
איצט ווערן דאָפּלט־רייך געציילט.

און אָפט מיר דאַכט: עס איז אַן אוצר —
דאָס לעבן אונזערס זייט־ביי־זייט;
און ביידנס רוישיקע חלקים
האָט אויסגעמישט שוין לאַנג די צייט . . .

אינהאַלט

1

מיין לאַנד

	זייט
כ׳בין ניט קיין גאַסט	7
מיין לאַנד	9
די טויב פון שלום	11
דער צירק איז אויפגעשטעלט	13
צו די מלחמה־צינדער	14
מיין נעגער ברודער	16
אַזוי לאַנג	17
אַ טיפּ אַזאַ	18
שלום פון פעלקער	19
דער באַראַבאַן פון האַס	21
דער העלד און זיין סוד	22
דאַן	25
עס פלייצט פון אַלע העצע־קראַנען	29
אויפן מזבח פון אויל	31
אַ באַלאַדע וועגן דריי טייכן	35
עס זעצט זיך די זון	40

2

מלחמה

איך לייען די נעמען	43
דער וואונדער־בריק	45
מאַטל	51
די רויטע אַרמיי ביי דער עלבע	60
די בערעזינא	66
באַליבטע שטאַט (פון רוסיש)	68
העי, טומאַנען (פון רוסיש)	69
אין שיכרות אין רוישיקער	70
אַלע וועגן — צו בערלין	71
בערלין ברענט	74
צו היילן די וואונדן	75
דאָס לאַנד פון ירדן	76
כנרת און בירה	81
נאָכן זיג	83

3

בײַ דעם פּאַסיפיק

זײַט

לאָס אַנדזשעלעס — די שטאָט פון מלאכים 95

לאָס אַנדזשעלעס 100

אַריבער דעם גאָלדענעם בריק 102

4

שטאָם

ווי די זון גייט אויף דײַן פּנים, מאַמע 105

צו מײַנע קינדער 107

קינדער מײַנע 109

איך פאָר צו דער מאַמען 114

5

וואָר און ליד

דער פינפטער צענדליק 129

לעבן און לידער 130

איך און דער דיכטער אין מיר 137

איך האָב די לידער מײַנע 140

די זון אויף מײַן פענצטער 143

הײַנט 144

נאַכט 145

צוויי לידער 146

ווערטער 147

מיט ליד און קאַמף 148

דער אָדלער האָט פליגל 149

איינער קלײַבט הײַזער 152

„מאָרגן־פרײַהייט“ הימן 154

קעמפערין ליכטיקע 155

צו אײַך, צוואַנציק יאָריקע 157

אידישער פאָלק־כאָר הימן 159

אונזערע שול־קינדער 160

צום נײַעם יאָר 162

בענקשאַפט 163